# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn


### Title
Khesbn no. 149 - Spring 2007 - Journal


### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/1ft4k4hd



### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 149(1)



### Author
Admin, LAYCC



### Publication Date
2007



### Copyright Information
Copyright 2007 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און קולטור־פראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
**לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב**

# 149

פרילינג
תשס"ז

SPRING
2007

# אינהאַלט

א. גאָלדבערג: ארחם את המענטש ........ 3
מ. שקליאַר: ליד ........ 11
* ד"ר משה וואָלף ז"ל ........ 12
מ. וואָלף: צו דער היסטאָריע פון די ספרדישע יידן ........ 13
מ. בן־שלמה זאב: דער באַרימטער אַרטיסט אוטיאָסאָוו: ........ 18
ר. באַסמאַן בן־חיים: לידער ........ 25
ל. מייזנער: אימאַזשן פון פאַרגאַנגענע נעכטנס ........ 28
מ. שקליאַר: דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ ........ 32
ז. ניומאַרק: פּאַראַט ........ 36
א. שפּיראָ: אין יענע גרויזאַמע טעג ........ 45
מ. אייזענבוד: אַ מעשה מיט אַ מיידל (דערציילונג) ........ 50
פּ. פּלאָטקין: לידער ........ 55
מ.ד. חייט: צוויי צווייגן ........ 56
ש. טרייסטער מאָסקאָוויטש: ליד ........ 61
א.ביידער: משל ........ 62
ע. פישבין: לעאָפּאָלד - דער טאַטע פון מאָצאַרט ........ 63
ש. סימכאָוויטש: באָריס קאַרלאָוו - אַ דיכטער בן־דיכטער ........ 68
* אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........ 70
* כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ........ 72
א. טרייבער: אליעזר שטיינבאַרגס משלים ........ 73
ל.ע.: רחל סלוצקי - צו איר אַוועקגיין אין דער אייביקייט ........ 74

זייט איר שוין אַ מיטגליד אין
# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע ייִדישע פראַטערנאַלע און
סאָציאַל־פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע

דער אַרבעטער רינג גיט זײַנע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט
צו זײַן אַקטיוו אויפֿן געביט פֿון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען
די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אוצרות פֿון אונדזער פֿאָלק
צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פֿון די ברענטשעס
פּראַטערנאַליזם און קעגנזײַטיקע הילף.

פֿאַר גענויערע אינפֿאָרמאַציע שרײַבט צו:

**ARBETER RING/**
**THE WORKMAN'S CIRCLE**

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

(310) 552-2007 אָדער טעלעפֿאָנירט


# H E S H B O N

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**JACOB LEWIN**,
6365 Orange St. CA 90048 - Tel. 323 939 7379

Members: **L. MEISNER**, **Z. MALEVITZ**, **N. STEINMAN**, **J. SOSKI**

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון

נומ. 149

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור און
קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
יעקב לעווין, פאַרוואַלטער
זעלדע מאַלעוויטש
לילקע מייזנער
יוסף סאָסקי
נתן שטיינמאַן

62־ער יאָרגאַנג, נומער 149 • פרילינג 2007 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

איטשע גאָלדבערג

## ארחם את המענטש
## אָדער
## דער גרונט־מאָטיוו פון דער יידישער קלאַסיק



*פאַרן סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָר איז אַוועק אין דער אייביקייט דער עלטסטער יידישער שרייבער אין אַמעריקע – איטשע גאָלדבערג. געבוירן אין 1904 אין אָפּט (פּוילן), האָט ער דורכגעלעבט און דורכגעפּיבערט דעם גאַנצן בלוטיקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, דעם אויפשטייג און בין־השמשות פון דער יידישער ליטעראַטור אין מזרח־אייראָפּע און אַמעריקע, ווו ער האָט, ווי אַ לערער, דערציער, שרייבער, רעדאַקטאָר און געזעלשאַפטלעכער טוער, מיט זיין וואָרט און שריפט דערצויגן עטלעכע דורות יונגע יידישע מענטשן – מיט לייב און לעבן איבערגעגעבענע דער יידישער קולטור. אים איז נאָך אויסגעקומען צו זען ווי די דאָזיקע דורות עלטערן זיך און הייבן זיך אויך אָן צו קרישלען. אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט שטיין אויף דער וואַך און מיט זיין וואָרט און פּען, מיט זיינע גייסטרייכע עסייען אינעם זשורנאַל "יידישע קולטור", ווו ער איז לאַנגע יאָרן געווען הויפּט־רעדאַקטאָר, האָט ער נישט אויפגעהערט מונטערן אין וועקן צו טאַט, און מיט זיין גלויבן און אָפּטימיזם אָנגעשטעקט די הונדערטער לייענער און פריינד, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט און געוואַרט אויף דעם וואָרט פון איטשען, ווי אַלע האָבן אים מיט ליבשאַפט און היימיש גערופן.*

*מיטן אַוועקגין פון איטשע גאָלדבערגן האָט די יידישע ליטעראַטור און קולטור פאַרלוירן אַ מורה־דרך, וועלכער האָט לאַנגע יאָרן באַלויכטן איר וועג. אין אָנדענק פון איטשע גאָלדבערגן ברענגען מיר ווייטער פראַגמענטן פון זיין עסיי א"נ "ארחם את המענטש - אָדער - דער גרונט־מאָטיוו פון דער יידישער קלאַסיק", געשריבן צום 100־סטן יובל פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.*

אין סאַמע צענטער פון דער גאַנצער יידישער מאָדערנער ליטעראַטור שטייט דער מענטש, ארחם את המענטש - איך וועל זיך דערבאַרעמען איבערן מענטשן איז דער לייטמאָטיוו פון דער יידישער קלאַסיק, וואָס איז געבליבן, אין אַלגעמיינע שטריכן, ווי דער לייטמאָטיוו פון דער ליטערור אין משך פון הונדערט יאָר.

אָט דער רחמימדיקער הומאַניזם איז אַ קאָמפּליצירטע אידעאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע דערשיינונג. ער גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז אויב דער מענטש איז דאָס אייבערשטע פון שטייסל, דאַרף די ליטעראַטור זיך מיען פאַר אים, און זיך איינשטעלן פאַר אים און זיך קעגנשטעלן די וואָס פּייניקן אים, מחמת זיי זיינען די רשעים פון דער וועלט. דער גוואַלד־געשריי קעגן דער עוולה, וואָס קייקלט זיך דורך דער יידישער ליטעראַטור, פון מענדעלעס "טאַקסע", ווינטשעווסקיס "פּרייהייט־גייסט" און פּרצעס "מיין ניט" ביז לייוויקס "חתונה אין פערענוואַלד, און פעפערס "שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ" און מאַרקישעס "מלחמה" איז דער קעסלפּויק אין אַן אַרקעסטער, וואָס שטילט קיין מאָל ניט איין, וואָס פאַרטויבט אָפט די פידלען און וואָס רייסט אויף און לאָזט ניט איינשלאָפן ניט די שפּילערס און ניט די צוהערעס. עס טראָגט זיך אַן אומרו איבער דער יידישער ליטעראַטור, מחמת עס טראָגט זיך אַן אומרו איבערן פאָלק, מחמת עס טראָגט זיך אַן אומרו איבערן מענטש אין משך פון די דורות זינט מענדעלעס "דאָס קליינע מענטשעלע" האָט זיך באַוויזן, אין 1864.

"אָ, מיין ניט, לית דין ולית דיין", בייזערט זיך פּרץ. "אַרבעטער ברידער, וואַכט אויף" בעט זיך עדעלשטאַט. "עס וועט ניט זיין געשענקט" - וואָרנט בערגעלסאָן.

אָבער דאָס אַליין - דער גוואַלד קעגן דער עוולה איז נאָך ניט גענוג. דער סאָציאַלער אויפרייס און דער פּראָטעסט איז נאָך פאַר זיך אַליין קיין גרויסע ליטעראַטור ניט. אָפט דאַרף מען ניט נאָר באַפרייען דעם מענטש פון אַ בייזן און רשעותדיקן אַרום, מען דאַרף דעם מענטש באַפרייען פון זיך אַליין. באָוושאָווער, אַ טאַלאַנטפולער דיכטער, אָבער אַ קינד פון אַן עפּאָכע וואָס האָט סימפּליפיצירט קאָמפּלעקסע געשעענישן, זיי געזען אין צוויי דימענסיעס - שוואַרץ און ווייס - גלייבט אַז מ'דאַרף בלויז אויסרייסן די דערנער און די בלומען וועלן שוין פון זיך אַליין זיך צעבליען. מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ זעען נאָך ניט קיין בלומען. זיי זעען קנאָספּן, זיי זעען קערנער, זיי גלייבן, אַז מען דאַרף די בלומען אַליין ערשט צום לעבן אויפוועקן. עס איז ניט גענוג צו באַפרייען "פישקע דער קרומער" פון די שמאַטעס - ער וועט נאָך אַלץ בלייבן אַ קרומער און אַ

שטאַמלדיקער. עס איז ניט גענוג צו באַפרייען בנימינען פון דער אילוזיע פון די רויטע יידעלעך, מען דאַרף אים ניט נאָר ווייזן וווהין צו גיין, מע דאַרף אים לערנען גיין. און כדי צו קאָנען גיין, דאַרף ער ניט מורא האָבן שטעלן טריט און גלייבן, אַז ער קאָן גיין. ד יידישע פאָלקמאַסע אין דער מיט פון 19טן יאָרהונדערט האָט גייסטיק געשטעקט אין 17טן יאָרהונדערט. מען האָט געמוזט אויסקעמען דעם אָנוווקס פון דורותדיקע קאָלטענעם אויפן באַוווסטזיין, כדי זי זאָל קאָנען אַריינשטעלן אַ טראָט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַריין. עס איז נייטיק געווען די מאַסן באַפרייען פון הינטערשטעליקיט, צוריקגעשטאַנקייט און פאַנאַטיזם. עס איז נייטיק געווען באַפרייען זיי פון פענטעס וואָס האָבן געשלעפּט אויף צוריק. אַזוי, אַז די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז געווען ניט נאָר אַ נאַציאָנאַלער דערצי־אינסטרומענט פון היסטאָרישן באַטייט, נאָר אויך אַ באַפרייונג־פּראָצעס, וואָס האָט מיט אַ שנעלן טעמפּאָ געהאָלפן טראַנספאָרמירן אַ מיטלאַלטערלעך פאָלק אין אַ דיפערענצירטן, פאַרשיידנאַרטיקן, זיך־אַליין,באַוווסטזיניקן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם.

רחמים און ליבע זיינען געווען בלויז איין אויסדרוק פון דער ליטעראַטור. געפּאָרט מיט די איז געגאַנגען די באַפרייערישע זיך־באַוווסטזיניקע זעלבסט־קריטיק. די יידיש ליטעראַטור האָט שאַרף קריטיקירט די אכזריות פון דעם אָרום, פון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אונטערדריקונג. זי האָט אָבער גלייכצייטיק פּונקט אַזוי אָנפּניותדיק קריטיקירט די אינערלעכע צוריקגעשטאַנענקייט און די מורא צו גיין פאָרויס. אָבער בעת די קריטיק אויפן דרויסן איז אַרויסגעגאַנגען פון שינאה קעגן דעם אומיושער און דער רישעות, האָט די קריטיק אויף אינערווייניק אַרויסגעקוואָלט פון געלייטערטער פאַרליבטקייט אין פאָלק און אין דעם מענטש. אָבער זי איז ניט געווען קיין מילדער פּירוואָרף־און אויסרייד־קריטיק, די אויף אינעווייניק, זי איז געווען אַ שאַרפע און אָן אָנפּניותדיקע. אמת, ווען טייל מענדעלעס ווערק - אָדער שלום עליכמס - וואָלט געשריבן געוואָרן פון אַ ניט־יידן, וואָלטן זיי פאַרשריגן געוואָרן - און מיט רעכט - ווי אַנטי־יידיש, אויב ניט אַנטי־סעמיטיש. אָבער - די היפּאָטעזע גופא, די סברה איז אַ פאַלשע און מוז פירן צו פאַלשע פועל־יוצאס; אַ ניט־ייד, אַ גאַנצער מנין ניט־יידן, די גרעסטע קינסטלערס, וואָלטן ניט קאַפּאַבל געווען אָנצושרייבן איין בלעטל פון "פישקע" אָדער פון "בנימין", אָדער פון "מנחם מענדל", שוין אָפּגערעדט פון "טביהן".

די קריטיק אויף אינעווייניק פון דער קלאַסיק האָט אַרויסגעקוואָלט פון דער טיפסטער ליבע. עס איז געווען אַ באַוווסטזיניקער פּראָצעס פון אויפבויען, אויפשטעלן דעם גלויבן אין זיך ביי אַ פאָלקמאַסע, וואָס מען האָט זי אין משך פון דורות פאַרגרעבט, אַנטמענטשלעכט, פאַרגוואַלדיקט, פאַרפאָלגט. בלויז דער גלויבן, אַז מען קאָן אויפהייבן און אויסבעסערן דעם מענטש, אַז ער טראָגט אין זיך קערנער פון דער אייגענער גאולה, האָט געשפּייזט די נאַציאָנאַלע קריטיק פון די קלאַסיקערס. זייער כוונה איז געווען אַרויסצובאַפרייען, אַרויסצוכישופן דעם ניצוץ אדם ואלהים פון אונטער די שמאַטעס. מענדעלע וויל באַפרייען דעם פרינץ וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליאַטשע, דעם מענטש, וואָס

מ'האָט פון אים געמאַכט אַ בעטלער. אָבער כדי צו באַפרייען דעם פרינץ און דעם מענטש דאַרף מען זיי דערזען אונטער דער פערדישער פעל און אונטער די בעטלערישע טראַנטעס. מער ווי דאָס: "פישקע דער קרומער" איז גאָר קיין פרינץ ניט, ער איז בפועל ממש אַ בעטלער, אָבער אינעם בעטלער דרעמלט אַ געלייטערטע מענטשלעכקייט, די פעיקייט אויף זעלטענער, ריינער ליבע. ווען ניט אָט דער אוממיטלבאַרער גלויבן אין מענטשן, וואָלט דער קאָלעקטיווער אויסדרוק פון דער קריטיק פון די קלאַסיקערס געווען אַ בייזזוויליקער, אָנפּאַלערישער, וואָס וואָלט קיין סך ניט אויפגעטאָן. אַדאַנק דעם גלויבן ווערט זייער סאָציאַלער אויסגעשריי קעגן דרויסן און אינעווייניק, אַ קולטור־דערשיינונג פון אַזאַ היסטאָריש־נאַציאָנאַלן פאַרנעם, אַז ער פאַרגלייכט זיך מיט דעם קאָלעקטיוון תנכישן פּראָטעסט פון די נביאים לטובת דעם געפייניקטן מענטש. עס איז ניט געגאַנגען בלויז אין מצדיק זיין, זאָגן "כי טוב" אויפן מענטש ווי ער איז. עס איז אין אמתן שווער צו גלאָריפיצירן דעם טונעיאַדעווקער, דעם כתריליק – פישקען אָדער מנחם מענדלען.

עס איז אָבער יאָ געגאַנגען אין אַנטיציפּירן דעם מענטש, אים פּאָרויסזען, ווי ער וועט זיין, באַפרייט פון קלעם פון אונטערדריקונג און באַליידיקונג. דעהומאַניזאַציע און פאַרוואָרלאָזטקייט.

"און וועלטן בוי איך אויף" – זאָגט פרץ – "וועלטן שענערע, בעסערע, וווּ דער וואָס מען טרעט אים ווי אַ וואָרעם, ווערט דער מענטש, דער בעל דעה..."

די יידישע ליטעראַטור איז פול מיט באַפרייערישן זעלבחזוק. דער זעלבחזוק שטעלט מיט זיך פאָר אַ מדרגה פון דערהייבענעם משפטן זיך אַליין. מנחם מענדל וואָלט געווען ניט מער ווי אַ קאַריקאַטור, אַן אָפּלאַכערישע באַשרייבונג פון אַ שלימזלדיקן ייד, וואָס פאַרלאָזט ווייב און קינד און יאָגט זיך נאָך ניט־געשטויגענע גליקן, אָבער אַ מנחם מענדל, וואָס משפט זיך אַליין, ווערט שיער ניט אַ טראַגישע פיגור, אַ מענטש, וואָס ווערט געכאַפּט אין צוואַנג און תהום פון אַ לעבן וואָס ער קען ניט גובר זיין, פון תנאים וואָס צעמאָלן און דעהומאַניזירן אים און ער ראַנגלט זיך אַ הילפלאָזער און לאָזט זיי דאָך ניט אים בייקומען. בעל־מחשבות האָט אַמאָל געזאָגט, אַז מנחם מענדל איז "די יידישע משוגעת אין געשטאַלט פון אַ יידיש סוחרל", צו שמאָל אויפגעפאַסט. עס איז ניט בלויז קיין יידישע משוגעת, די משוגעת איז אַפילו ניט דווקא קיין יידישע. עס איז גיכער די היסטאָרישע יידישע פאַרביטערונג, די יידישע טרער און דער צאַפּל קעגן דער עוולה, דאָס יידישע קלאַמערן זיך אין אַ שטרוי פון האָפענונג כדי לעבן צו בלייבן, די פאָלקישע פעיקייט לעבן צו בלייבן דורך אַלע אוממעגלעכע ווענן און פאָרטלען, די מידה פון פאָלקמענטש, וואָס משפט זיך ווען ער הייבט אָן פאַרלירן דעם צלם־אלהים (גיכער, דעם צלם־אדם), אַפילו די פעיקייט זיך צו שפייזן מיט אַן אויסגעטראַכטן ביטחון, מיט אַן אילוזיע, פאַרפירט ווערן פון אַ השגה – אַבי ניט אונטערגיין. אָט דער זעלבחזוק, אָט דער זעלבמשפט, ווען אונטערגעשפּאַרט מיט אַ דויערנדיקן ביטחון, ווערט אייגנטלעך טביה דער מילכיקער. טביה איז בלויז איין טריט ווייטער פון מנחם מענדל, אָבער מען האָט

ווי ביים טאַטן - ניין, ניט אין וויַינגאָרטן - אין האַרצן.

דיווערטן וואָס זיי האָבן געשאַפֿן זיינען געווען דורכויס נאַציאָנאַל-וועלטלעכע, פּראָגרעשריטן-מענטשלעכע, הומאַנע. פאַרוואָרצלט אין דער געשיכטע און טראַדיציע פֿון פֿאָלק, ווי אַלע גרויסע קינסטלער, האָבן זיי געאָטעמט מיט היינטצייטיקייט, מיט מאָרגנציייטיקייט (אָפּט - פרישער ווי טייל היינטיקע יידישע שרייבער וואָס ווערן פֿאַרלוירן אין מיסטיציזם און דעמאָניזם). אין נאַציאָנאַל סעקולערן האָבן זיי אָנשפּאַר געפונען. ניט סתם קיין אַפּיקורסים זיינען דאָס געווען, נאָר זיי האָבן די הימלען געשטורעמט, כדי דעם מענטש צו דערהייבן. הלל צייטלין האָט אַ מאָל געזאָגט וועגן פּרצן: "אַ הימל האָט ער פּרץ, נאָר קיין גאָט אין הימל ניט" - קאָן זיין. אָבער אַז ער האָט דעם מענטש ניט נאָר אין הימל נאָר "נאָך העכער" פון הימל געוואָלט דערהייבן - איז קיין ספק ניט.

די דריי קלאַסיקערס זיינען געווען דער קאַמערטאָן, וואָס האָט אָנגעשטעלט דעם טאָן פֿאַר אַ גאַנצער ליטעראַטור. זיי זיינען ניט נאָר געווען דער פונדאַמענט, דער קעלער - נאָר אויך די זיילן פון דער געביידע. עד־היום אַזוי.

און דער טאָן האָט בפירוש אָנגעהאַלטן. ער האָט זיך כמעט קיין מאָל ניט איבערגעריסן, ניק קוקנדיק אויף אָפּטע פאַרווירונגען און בלאָנדזשעניש. מען האָט דאָך ניט געקאָנט בלייבן שטיין ביי מענדעלעס ברייטע לייוונטן, ווו פּנימער זיינען ניט אַלע מאָל געווען קלאָר און אינדיווידואַליזירט גענוג געצייכנט. דער טאָן איז ניט פאַרלוירן געגאַנגען. דער צווייטער דור נאָך די קלאַסיקער האָט אַן אָטעם געטאָן מיט דער זעלטענער רייזענישער מאַמעדיקייט (ווי ווייט איז רייזען פון די ערשטע?), מיט אַשס גלויבן אין הייליקן פונק פון מענטש, מיט בערגעלסאָנס אָפּט עלעגישן, טרויער-אָנגעפילטן איינשטעלן זיך פאַרן מענטש, אַפילו מיט נאָמבערגס הילפלאָזן געבייזער - דער ניגון, אין נייע תנאים און מער דיפערענצירט, איז ניט פאַרלוירן געגאַנגען. דאָס שטעטל, ווי אַן אָרעם הונגעריק קינד, איז זיי אַלעמען נאָכגעגאַנגען און געזוכט אַ תיקון - פון מענדעלעס קבצאַנסק ביז בערגעלסאָנס ראַקיטנע, ביז איזי כאַריקס: "...שטעטעלע, פאַרשווינד", ביז משה נאַדירס "נאַראַיעוו - קרוינשטאָט פון מיין לעבן" - אַלץ וואַריאַציעס אויף אַ גרונט-טעמע פון גאולת-המענטש.

געוויס דאָס זעלבע איז געשען מיט די יונגע אין אַמעריקע, וואָס דאַרפן אַריינברענגען אַ טאָלק אין דעם חשבון מיטן נייעם לאַנד, וואָס ווילן אָפּוואַרפן דאָס שאָלעכץ פון צעטומלטקייט און פאַרלוירנקייט און פאַרהיטן דעם קערן פון מענטש. פון ראָזענפעלדס שאַפּ-אַרבעטער אָדער לייוויקס שמאַטע-קלייבער ביז דער צעטומלטקייט פון איגנאַטאָווס אינטעליגענטן, אָפּאַטאָשוס גאַריק-סטריט איינווינער, ראַבאָיס זוכער פון גאולה אין אַמעריקעס ווייטער וועסט, און די זעלטן לירישע געזאַנגען וואָס האָבן נאָך אַלץ געזוכט דעם מענטש צו פאַרשטיין און דערהייבן פון מאַני לייבן, יוסף ראָלניקן, אָדער שוואַרצעס ייד יהושע, וואָס ווערט "זשאַש" אין קענטאַקי, און טראָגט מיט זיך זיידעשע טראַדיציעס אין אַמעריקעס דרום - און, משה לייב האַלפּערנס געברום קעגן דער שטאָט פון גראַניט און שטאָל, און משה נאַדירס זעלבחוזק, ווייל אויב ניט קאָן אַ מענטש

צעגיין פון טרערן אויף אָט דער נייער ערד.

וואַריאַציעס, וואַריאַציעס אויף אַ גרונט־טעמע, וואָס האָט נאָך אַלץ געברומט מיטן זעלבן ניגון, מיטן זעלבן מאָטיוו: ווי לייזט מען פּאָרט אויס דאָס פאַרלוירענע בן־אָדמל? און אויך דאָ, ווי אויף יענער זייט ים, האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן די טעמעס פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער גאולה.

און דער גרונט־טאָן האַלט אָן אין דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע אין דער זעלבער צייט, אין דער אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער שאַפונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ביז 1948.

לאָמיר ניט מאַכן קיין טעות. דאָרט, ווו אונדזער ליטעראַטור האָט פאַרלוירן איר גרונט־טאָן, וואָס דאָס האָט געמיינט דורך נאַציאָנאַל־יידישן אידיאָם זיך דערשלאָגן צום אוניווערסאַלן, דאָרט האָט זי קיין האָפט ניט געהאַט. אָבער זי האָט דעם טאָן ווי אַ קאָלעקטיווע שאַפונג זעלטן פאַרלוירן, כמעט קיין מאָל ניט פאַרלוירן. נעמט, למשל, דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור; ניט נאָר בערגעלסאָן און דער נסתר, וואָס האָבן געשריבן פריער, נאָר אויך קולבאַק און פעפער, כאַריק און האַלקין, מאַרקיש און גאָדינער, קוויטקאָ און האָפשטיין וואָלטן ניט מיגלעך געווען - אָן מענדעלען און פּרצן, אָדער רייזענען - און טיפער, אָן דעם תנ״ך. כאַריק האָט געטרונקען פון רייזענען, און קולבאַק פון שלום עליכמען, און מאַרקיש פון פּרצן און ביאַליקן, און האַלקין פון תנ״ך און פון דער רעוואָלוציע. ס'איז שוואַכזעיקייט ניט צו זען דעם גרויסן נאַציאָנאַלן באַטייט פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, אירע אינערלעכע קנופּן מיט דער אַלגעמיינער יידישער וועלט־ליטעראַטור און דער עיקר - איר קנאָכיקע פאַרוואָרצלטקייט אין דער טראַדיציע.

דער קאַמף פאַרן כסדרדיקן ווידערגעבורט פון פאָלק - און דאָס פאָלק האַלט אין איין ווידערגעבוירן ווערן - שפּילגט זיך אָפּ, ווערט קינסטלעריש באַזיניקט אין דער ליטעראַטור. די טראַדיציע פון די קלאַסיקער פּולסירט כסדר. ווען עס זיינען געקומען די יאָרן פון גרעסטן און טראַגישסטן ניסיון, ווען מ'האָט פון דאָס ניי באַדאַרפט מאָביליזירן דעם גייסט פון פאָלק קעגן זיין גרעסטן שונא, דעם פאַשיזם - אין די ליטעראַטור אונדז ווידער בייגעשטאַנען, אונדז פון דאָס ניי דערהויבן צום גרעסטן קידוש־השם און צום איבערמענטשלעכסטן העראָיזם. קאַצענעלסאָנס „ליד פון אויסגעהערגעטן יידישן פאָלק" און רינגעלבלומס „מילך־קאַנען" און פעפערס „שאָטנס" און ה. גליקס „זאָג ניט קיין מאָל" - דורך זיי אַלע האָט זיך פון דאָס ניי דערהערט שלום עליכמס „אַ מענטש איז אַ מענטש", אַפילו איז די מטורפע פאַרצוקנדיקע נעגל פון פאַשיזם.

אין לייוויקס „חתונה אין פערנוואַלד", ווו ער דערקלערט, אַז „נאָך דאַכאַו דאַרף מען זאָגן יאָ צום לעבן", אין פעפערס „יינגל פון געטאָ", וואָס פאַלט ניט אַראָפּ, אַן איינגעוויקלטער אין דער געטאָ־פאָן, און מאַרקישעס גור אריה, וואָס קריכט אַרויס פון מאַסן־קבר, מחמת „די געשאָכטענע געמיינדע האָט אים אַרויסגעשיקט פון גרוב, ער זאָל די אויפגעוויקלטע מגילה פון בראָך זיין" און

סוצקעווערס שורות ווי גאָטס טרערן - אין זיי אַלע האָט געברומט דער אַלטער ניגון פון דער קלאַסיק.

די פאַבריקן אין לאָדזשער געטאָ, ווו די דייטשן האָבן געצוווּנגען יידן אַרבעטן אויף נאַצי־מונדירן, האָט מען אָנגערופן רעסאָרטן, און וואָסער ליד האָבן זיי געזונגען אין די רעסאָרטן און וועגן די רעסאָרטן? אַ ליד וואָס הייבט זיך אָן מיט אָט די צוויי שורות: "עס רוישט אין דעם רעסאָרט אַזוי ווילד די מאַשין, אַז אָפּט מאָל פאַרגעס איך אין רויש, אַז איך בין". דאָס איז ניט קיין פּאַראָדיע, נאָר אַן איבערזינג פון מאָריס ראָזענפעלדס "עס רוישן אין שאַפּ אַזוי ווילד די מאַשינען, אַז אָפּט מאָל פאַרגעס איך אין רויש, אַז איך בין" (געשריבן אין ניו־יאָרק אין די 1890ער יאָרן).

* * *

אָט איז אונדזער יחוס, אונדזער טראַדיציע, און דער געברום פון דורות, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט 100 יאָר צוריק, ווען עס האָט זיך אין דער אָדעסער צייטונג "קול מבשר" אָנגעהויבן דרוקן אין המשכים די מעשה פון אברהם תקיף - "דאָס קליינע מענטשעלע" - פון שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט געוואָלט, אַז דאָס פאָלק זאָל אים רופן מענדעלע מוכר ספרים.

וואָס־זשע וועט זיין ווייטער? ניין, ניט מיט מענדעלען, ער וועט שוין, ווי מיר זיינען זיך משער, זיין היסטאָריש שטעטל אַליין באַשטיין, - וואָס וועט אָבער זיין מיט אונדזערע אייניקלעך און אור־אייניקלעך? וועלן זיי דערפילן און באַרייכערט ווערן פון דעם וווּנדערלעכן שטראָם פון ליבע פון מענטש צו מענטש און צו וועלט, צו יושר און אויסלייזונג, צום געראַנגל קעגן עוולה און קעגן רשעות, וואָס די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור שטעלט מיט זיך פאָר?

קאָן מען אַריינשפּרייזן אין דער צוקונפט אַריין אָן זיי? וואָס זיינען זיי - ביכלעך בלויז? בלעטלעך? היסטאָרישע שמות וואָס האָבן בלויז פאַר אונדז געהאַט אַ באַטייט?

אויב איך גלייב אין אַ צוקונפט וואָס וועט זיין אַן אָרקעסטער פון פעלקער - אין וועלכן יעדער אינסטרומענט איז גלייך וויכטיק - קאָן איך זיך ניט פאָרשטעלן די יידישע פידל, אָדער וויאָלאָנטשעל, אָן דעם המשך פון דער ליטעראַטור (און המשך מיינט סיי דאָס שאַפן אויף יידיש, סיי דאָס איבערגיסן אין דער טיף אירע ווערטן אין אַנדערע שפּראַכן, העברעיש אַריינגערעכנט).

אָן אַזאַ המשך וועט ניט נאָר פעלן אַ סטרונע, דער גאַנצער אינסטרומענט וועט כריפּען.

משה שקליאַר

# דער קאַפּיטאַן

*פֿאַר איטשען*
*מיט כבוד און באַוווּנדער*

די שיף האָט שווער די כוואַליעס דורכגעשניטן,
אויפֿן בריק געשטאַנען איז דער קאַפּיטאַן
און מיט זיין אויג דעם ווייטזיכטיק געניטן
דעם האָריזאָנט באַטראַכט, און שפּאַן נאָך שפּאַן

געלאָזט זיך זוכן אַלע די אַמאָליקע
מאַטראָסן, וואָס האָבן לאַנג די שיף פֿאַרלאָזן,
און אים געדאַכט האָט, אַז ער הערט בת־קוליקע
רופֿן, וואָס אַ ווינט האָט זיי אַוועקגעבלאָזן.

און באַלד האָט ברעט נאָך ברעט זיך איינגעבראָכן
פֿונעם באָרט, און ס׳האָט דער שטאָלצער מאַסטבוים
פֿאַלנדיק אין בלויען הימל זיך פֿאַרשטאָכן.
געבליבן שטיין ז׳דער קאַפּיטאַן, און קוים, קוים,

דעם אָטעם אָפּגעכאַפּט. אַרומגעקוקט זיך
און געזען האָט ער די אַלע פּאַסאַזשירן,
וואָס צוזאַמען האָבן זיי אַ מאָל געקוויקט זיך
מיט דער נייער שיף, געלאָזט זיך פירן

איבער ווייטע, ברייטע ימען, אָקעאַנען,
און באַגלייט זיי האָבן מונטערע געזאַנגען
פֿון אַ וועלט וואָס איז נאָך נישט פֿאַראַנען.
איצט איז דער קאַפּיטאַן אַליין געשטאַנען

אויפֿן בריק און ס׳איז געוועזן באַנג אים
וואָס אַלץ אַרום אויף פּיצלעך האָט צעבלאָזן
דער ווינט, און ס׳פֿאַרטראָגט זיי ווייט דער אָקעאַן,
נאָר ער האָט נישט געוואָלט די שיף פֿאַרלאָזן,
דער גוטער אַלטער קאַפּיטאַן.

# ד"ר משה וואָלף ז"ל



געזאָלט האָבן מיר שרייבן אַ באַגריסונג צו זיין 85־סטן געבוירן־טאָג, וואָס וואָלט אויסגעפאַלן דעם 10־טן אַפּריל היינטיקס יאָר. איז אָבער דער גורל אומברחמנותדיק, און ער האָט אים אַוועקגענומען פון אונדז אַזוי פּריצייטיק. קומט דעריבער אויס, אַנשטאָט אַ באַגריסונג, שרייבן מיט האַרצווייטיק וועגן זיין פּטירה, הגם עס גלייבט זיך קוים, אַז ער איז מער נישטאָ, אונדזער פריינד ד"ר משה וואָלף, דער גרויסער ערודיט, שרייבער, לעקטאָר און האַרציקער מענטש.

ער האָט איבערגעלאָזט אַ רייכע ירושה פון פיל צענדליקער גייסטרייכע עסייען וועגן יידישע שרייבערס און קינסטלערס, אויף פאַרשיידענע היסטאָרישע טעמעס, פאַרעפנטלעכטע אין יידישע זשורנאַלן אין אַמאָליקן סאָוועטן פאַרבאַנד, ווו די מלחמה זאַוועריכע האָט אים געהאַט פאַרטראָגן פון זיין היימשטאָט וואַרשע, אין אַמעריקע און אין מדינת ישראל, בתוכם אין אונדזער זשורנאַל "חשבון". ער איז געווען אונדזערס אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער זינט זיין קומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין יאָר 1992. געווען איז ער אויך אַן אָפטער גאַסט - כמעט אַן אייגענער - אין אונדזער יידישן קולטור־קלוב, ווו ער האָט געהאַט פילצאָליקע פריינד צווישן די צוהערער פון זיינע טיפזיניקע לעקציעס.

געבוירן אין וואַרשע (פּוילן) איז משה וואָלף אין יאָר 1939, נאָכן אָנפאַל פון היטלער־דייטשלאַנד אויף פּוילן אַנטלאָפן מיטן שטראָם יידישע פּליטים אויף מזרח, ווו ער האָט באַוויזן ענדיקן אַ מעדיצינישן אינסטיטוט, געקעמפט אין סטאַלינגראַד אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי, שפּעטער פאַרשיקט געוואָרן אויפן וויטן צפון און לסוף געקומען קיין מאָסקווע, ווו ער האָט פאַרלייגט אַ משפחה און אין משך פון 25 יאָר געשטאַנען בראש פון אַ פּסיכיאַטרישער קליניק. אין משך פון דער צייט האָט ער פאַרעפנטלעכט איבער הונדערט אַרטיקלען און מאָנאָגראַפיעס אין וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן, און די לעצטער יאָרן, פאַר זיין קומען קיין אַמעריקע, מיטגעאַרבעט אין מאָסקווער יידישן זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד" און שפּעטער "די יידישע גאַס". אין מאָסקווע איז אויך אַרויס אונטער זיין רעדאַקציע דאָס זאַמלבוך "אינאַיינעם" און זיין בוך "אומרו און גלויבן".

אַ גרויסער אויפטו משה וואָלפס איז געווען דאָס צונויפשטעלן און אַרויסגעבן, נאָך זיין קומען קיין אַמעריקע, דאָס ווערטערבוך "העברעישע און אַראַמישע ←

משה וואָלף

## צו דער היסטאָריע פון די ספרדישע (שפּאַנישע) יידן

יידן האָבן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין שפּאַניע (ספרד) מקדמונים: לויט דעם תנ"ך (כתובים) - אַ סך יאָרן פריער פונעם אָנהויב פון דער היינטיקער צייט-רעכענונג ס'זענען פאַראַן פאַרשיידענע דאָקומענטן, וועלכע ווייזן אָן, אַז שוין אין די צייטן פון שלמה המלך האָבן יידן געוווינט אין יענע קאַנטן. וועגן שפּאַניע - ספרד רעדט דער נביא עובדיה: ("און די פאַרטריבענע פון ירושלים וואָס און ספרד וועלן אַרבן די שטעט פון דרום", עובדיה, ז' 20). אַזוי אַרום, האָבן יידן אָנגעהויבן דאָרט זיך באַזעצן 1000 יאָר פאַר אונדזער היינטצייטיקער תקופה. אָבער אַ מאַסעווע איבערוואַנדערונג פון יידן קיין ספרד איז פאָרגעקומען נאָר אין דער צייט פון דער רומישער הערשונג (אימפּעראַטאָר אַדריאַן) - אין צווייטן יאָרהונדערט פון דער היינטיקער צייט-רעכענונג.

במשך פון עטלעכע הונדערט יאָר איז דאָס לעבן פון די "ספרדישע" יידן געווען אַ צופרידנדיקס. אין סוף פון זעקסטן י"ה בעת דער רעגירונג פון די מערב-גאָטישע קעניגן, האָט זיך זייער מצב פאַרערגערט. אין 616 האָט דער קעניג סיסעבוט אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל, אַז די יידן מוזן זיך צלמען. ←

---

*ווערטער אין דער יידישער שפּראַך, מיט דער פאַרטייטשונג אין ענגליש און רוסיש". דאָס ווערטערבוך איז געווען און איז אַ באַטייטנדיקע הילף פאַר יידישע עמיגראַנטן פון געוו. ראָסטן-פאַרבאַנד, ווו די העברעישע שפּראַך איז לאַנגע יאָרן געווען אַ טאַבו.*

*אין זיינע ליטעראַרישע עסייען האָט משה וואָלף זיך באַמיט דערנענטערן דעם לייענער צום שרייבערס אידעען, צום תוך פונעם באַהאַנדלטן ווערק, דערביי האָט ער אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פּיעטעט צום שאַפער. אַ גרויסער קענער פון די אַלטע יידישע מקורים, האָט ער זיך באַמיט אַרויסהייבן דאָס אָריגינעלע און נאַציאָנאַלע, באַזונדערס אין די ווערק פון די סאָוועטיש-יידישע שרייבערס און קינסטלערס.*

*ד"ר משה וואָלף האָט פאַר זיין פּטירה באַוויזן צוגרייטן אַ גרויס אויטאָביאָגראַפיש ווערק, וואָס וועט אַרויס אין ענגלישער איבערזעצונג אַדאַנק זיינע איבערגעגעבענע פריינד אין פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן. ליידער וועט ער שוין נישט זען די פּרוכט פון זיין יאָרנלאַנגער אַרבעט. דער גרויזאַמער טויט האָט אים צוגענומען פון אונדז. מיר טרויערן נאָך אים צוזאַמען מיט זיין פאַראַבלטער פרוי שושנה און דעם זון ד"ר שלמה וואָלף מיט זיין משפחה, וועמען מיר דריקן אויס טיפן מיטגעפיל.*

*ווייטער ברענגען מיר די לעצטע צוויי אַרטיקלען, וואָס משה וואָלף האָט אָנגעשריבן פאַר אונדזער זשורנאַל.*

**מ.ש.**

אין 711 האָבן די אַראַבער אָנגעהויבן פאַרכאַפּן שפּאַניע. אין די ערשטע יאָרן האָבן זייערע עמירן נישט געפּאָדערט פון די יידן זיי זאָלן זיך שמדן, אַזוי ווי די קריסטן האָבן זיי געמוזט צאָלן צוויפאַכיקע שטייערן. צוזאַמען מיט דעם האָט די אַראַבישע פאַרהעלטנישמעסיקע טאָלעראַנץ אין גיכן זיך אויסגעלאָזט און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפות. דער באַוווסטער היסטאָריקער, דער פּרעזידענט פון דעם ספּרדישן קולטור־צענטער אין מאַדריד שיי שמר (שעמער) ד'ערציילט: "די יידן האָבן שטענדיק געהאַט שווערע פּראָבלעמען מיט די אַראַבער. לכתחילה האָבן די באַצווינגער אויסגענוצט די פאַכמענערישקייטן אין פאַרשיידענע געביטן, מיט וועלכע עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די ספּרדישע יידן. די דאָזיקע קענטענישן האָבן די אַראַבער אויסגענוצט אין זייער לאַנד. ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די רעפּרעסיעס, האָבן די יידן געמוזט פאַרלאָזן זייערע היימען און זיך אַריבערציען אין צפון, אין די ראַיאָנען, וועלכע די שפּאַניער האָבן מיט שווערע קאַמפן באַפרייט פון די אַראַבישע רוצחים. די קאַטוילישע קעניגן זענען אין יענער צייט געווען מער טאָלעראַנט צו די ספרדים".

איייניקע היינטצייטיקע שפּאַנישע פּאָליטיקער און היסטאָריקער, כדי ווידערדעראָבערן פריינדשאַפט פון די אַראַבישע מדינות, לויבן די פריינדלעכע אַטמאָספער וואָס האָט כלומרשט געהערשט אין די טעריטאָריעס, וועלכע עס האָבן אין יענער צייט פאַרכאַפּט די אַראַבער. די דאָזיקע פּאָליטיקאַנער דערקלערן, אַז אין יענער צייט האָט אין די פאַרכאַפּטע טעריטאָריעס געהערשט אַ "האַרמאָניע" פון 3 קולטורן – אַראַבישע, קריסטלעכע און יודאַישער, וואָס האָבן זיך כלומרשט צעבליט אין לאַנד בעת דער הערשונג פון די אַראַבער.

דער היסטאָריקער סעסאַר ווילאַר האַלט, אַז די אַזוי גערופענע קולטור־האַרמאָניע איז געווען אַן אויסגעטראַכטע מעשה. זיין בוך דערציילט וועגן דעם שווערן לעבן פון די יידן אונטער דעם יאָך פון קאָרדאָווער כאַליפאַט. סעסאַר ווילאַר שטרייכט אונטער, אַז די געזעלשאַפט, וואָס די כאַליפן האָבן באַשאַפן איז געווען ביז גאָר אַן אומיושרדיקע. די יידן האָבן געצאָלט אומגעהייערע צינזן נאָר צוליב דעם, מען זאָל זיי לאָזן לעבן. אָבער אַפילו דאָס האָט פיל מאָל נישט געהאָלפן. דער 9־טער י"ה האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אָפטע יידן־שחיטות אין קאָרדאָווע. אויך די קאָנקורירנדיקע הויף קלאַנען פלעגן אַרויסווייזן זייער רציחהשע פיינדשאַפטצו די יידן. אַזוי אַרום איז דאָס לעבן פון די יידן "געהאָנגען אויף אַ האָר" און איז געווען אָפהענגיק פון דער שטימונג פון אַזאַ, אָדער אַן אַנדערן הערשער.

אין 11־טן י"ה האָט דער שפּאַנישער קעניג אַלפאָנסאָ דער 6 טער אומגעקערט די ספּרדישע יידן אַ סך רעכט. דערפאַר טאַקע האָבן ס'רוב פון די ספרדים, וואָס האָבן געלעבט אין דער מוסולמענער שפּאַניע, זיך אַריבערגעקליבן אין דעם קריסטלעכן טייל פון לאַנד, ד"ה אין די טעראָטאָריעס, וועלכע די שפּאַניער האָבן מיט מלחמה, באַפרייט פון די אַראַבער. ס'רוב פון די איינוווינער אין די שטעט טולעדאָ, טודעלאַ, לוסענאַ און זשיראָנאַ זענען געווען יידן.

דאָרטן פלעגן זיי זיך פאַרנעמען מיט האַנטווערקערשאַפט, אַרכיטעקטור,

מיסחר, פינאַנסן און דער עיקר - מיט וויסנשאַפטן - באַזונדערס מיט מעדיצין, פילאָסאָפּיע און קונסט. ס'איז דאָ כדאַי אָנצווּווייזן, אַז אין יענע צייטן זענען די שפּאַניער געווען אָפּגעשטאַנען אין וויסנשאַפטן, ווייל במשך פון הונדערטער יאָרן האָבן זיי געפירט מלחמות. דערפאַר האָבן זיי הויך געשאַצט געלערנטע און הויך־-געבילדעטע מענטשן.

ניט געקוקט אויף דעם, האָט די שנאה צו יידן אין שפּאַניע נישט אויפגעהערט צו פלאַקערן. אין בוך פון שאול ספּיר "רמב"ם. רבנו משה בן מימון", 1935 ז'ז' 127–136 לייענען מיר:

"אַ נייע און שרעקלעכע צרה איז אויפגעשטאַנען אויף די יידן... אַ ריכטיקע אינקוויזיציע איז איינגעפירט געוואָרן אין פעץ. דער גובערנאַטאָר פון פעץ האָט אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל, אַז יעדער איינער, וועלכער האָט אָנגענומען די איסלאַמישע רעליגיע און נאָכהער חרטה געהאַט און צוריק זיך אומגעקערט צום יידישן גלויבן, וועט באַשטראָפט ווערן מיט טויט. ער האָט אַרויסגעלאָזט שפּיאָנען איבער גאַנץ פעץ, זיי זאָלן אויסגעפינען ווער איז דער אָנפירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג. יעדן איינעם אויף וועמען עס איז געפאַלען אַ חשד האָט מען פאַרשפּאַרט אין געפענגעניש און אים אַזוי פיל געמוטשעט ביז וואַנען ער פלעגט זיך מודה זיין, און דאַן האָט מען יענעם באַשטראָפט מיט טויט".

זוכנדיק צווישן פאַרשיידענע מאַנוסקריפּטן, האָבן די מחבלים געפונען אַן אַראַבישע האַנטשריפט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דעם "בריעף פון שמד", וואָס עס האָט אָנגעשריבן... דער רמב"ם. מען האָט אים באַלד אַרעסטירט און נאָר על פי נס איז ער אין גיכן באַפרייט געוואָרן.

אין 13־טן יאָרהונדערט, אַ דאַנק דעם קעניג אַלפאָנסאָ דעם 10־טן, האָט זיך דער מצב פון די יידן אין שפּאַניע פאַרבעסערט. דער געבילדעטער קעניג "דער חכם" פּאָעט און פילאָסאָף אַלפאָנסאָ, האָט צונויפגערופן די באַרימטסטע געלערנטע, שרייבערס און קינסטלערס, און מיט זייער הילף און אָנטייל איז אין דער דעמלטיקער שפּאַנישער הויפּטשטאָט (טאָלעדאָ) באַשאַפן געוואָרן אַן איבערזעצונג־שולע. אין וועלכער עס זענען קודם כל איבערגעזעצט געוואָרן פונעם אָריגינאַל (און ניט פון גריכיש) דער תנ"ך, דער תלמוד און די קבלה. אַלפאָנסאָ האָט אַרויסגעלאָזט אַ פאַראָרדענונג, אַז יעדער איינוווינער אין שפּאַניע האָט דאָס רעכט צו גלויבן אין זיין רעליגיע, און ער האָט פאַרבאָטן נייטן וועמען עס איז זיך צלמען. שבת איז דערקלערט געוואָרן ווי אַן אָפיציעלער רו טאָג פאַר יידן, און קיינער האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו צווינגען עמעצן אין דעם טאָג צו אַרבעטן אָדער ווערן אַרויסגערופן אין געריכט.

פון דער ספרידישער קהילה זענען אַרויסגעקומען באַוווּסטע געלערנטע און קינסטלער: דער פּאָעט און פילאָסאָף שלמה איבן גבירול, פּאָעט און דענקער יהודה הלוי. דער באַוווּסטער איבערזעצער פילאָסאָף, פּאָעט און דאָקטאָר יהודה איבן טיבון פון גראַנאַדע. פון די פּאָעטן האָט זיך אויסגעטיילט דוד אַברבנאל - איינער פון די באַרימטסטע אין יענער צייט. און אחרון אחרון חביב, דער אויבן דערמאָנטער רמב"ם - רבנו משה בן מימון פון קאָרדאָווע, וועלכער האָט מיט

זיינע פילאָסאָפישע ביכער און טראַקטאַטן באַאיינפלוסט די געלערנטע פון אַ סך לענדער אין יענער צייט.

אין די יאָרן פונעם מיטלעלטער האָבן אין אַלע שפּאַנישע שטעט זיך אויסגעפֿאָרמירט די א"ג "הודעריעס"־קוואַרטאַלן, אין וועלכע עס האָבן געלעבט ס'רוב יידן. אַ סך חודעריעס האָבן זיך פֿאַרהיט עד היום, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס קיין איין ייד לעבט שוין דאָרט נישט מער. טאָלעדאָ און קאָרדאָווע זענען געווען די וויכטיקסטע ספרדישע קולטור־צענטערס. מיט דער צייט זענען גרויסע חודעריעס אויסגעוואַקסן אויך אין צפון שפּאַניע - אין די פּראָווינצן אַראַגאָן, אין באַרצעלאָנע, קאַסטיליע, אויך אין אַסטוריע. אָבער דער גרעסטער ספרדישער צענטער איז במשך פון הונדערטער יאָרן געווען טאָלעדאָ. אַהער פלעגן זיך איבערציען פון דרום קאָרדאָווע אַ סך אָנגעזעענע פּאָרשטייערס פון דער יידישער דיאַספּאָרע. נו, און פון טאָלעדאָ פלעגן אַ סך ספרדים איבער וואַנדערן אין די ווייטערע מקומות פון צפון.

אין סוף 15 י"ה האָט אין שפּאַניע זיך אָנגעהויבן די "רעקאָנקיסטע" - די מלחמה פאַר באַפרייען אַלע טעריטאָריעס, וואָס די אַראַבער האָבן פאַרכאַפּט - און דאָרט געהערשט מער פון 700 יאָר. די דאָזיקע רעקאָנקיסטע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולן שפּאַנישן ניצחון אין 1492. דער הערשנדיקער קעניג פון יענער צייט, פערדינאַנד און די קעניגין איזאַבעלאַ האָבן געגעבן די יידן אַן אויסוואַל - אָדער זיך שמדן און זיך צלמען, אָדער פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

אין שפּאַניע האָבן אין יענער צייט געלעבט אַן ערך פון 7-8 הונדערט טויזנט ספרדים. ביי איין דריטל פון זיי - (250,000) האָבן זיך באונס געצלמט - ד"ה געוואָרן מאַראַנען (אנוסים) די אַנדערע 4,5-5 הונדערט טויזנט ספרדים האָבן געמוזט אַנטלויפן. דאָס הייסט זיי זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פונעם לאַנד. (גירוש שפּאַניע). אַ ריי היסטאָריקער האַלטן זיך עד היום ביי דער מיינונג, אַז די איבערגעבליבענע אין לאַנד 10% אנוסים (קעגן זייער ווילן געשמדטע) האָבן חתונה געהאַט מיט קריסטן. אַ דאַנק דעם האָבן היינט יידישע וואָרצלען ביי אַ 40% שפּאַנישע בירגער.

די אַרויסגעטריבענע פון לאַנד האָט מען נישט דערלויבט נעמען מיט זיך זייער צירינג, גאָלדענע, זילבערנע חפצים און איידלשטיינער. זיי האָבן געמוזט פאַרקויפן זייערע הייזער און פאַרמעגנס פאַר בזיל הזול (זייער ביליג).

די אַרויסגעטריבענע ספרדים האָבן זיך צעשפּרייט אין פאַרשיידענע רעגיאָנען פון דער וועלט. די יידן פון קאַסטיליע האָבן זיך איבערגעקליבן אין דער שכנהדיקער פּאָרטוגאַל. די ספרדים פן קאַטאַלאָניע און פון אַראַגאָן - קיין גריכנלאַנד און בולגאַריע - פון אַנדאַלוזיע - קיין צפון אַפריקע און טערקיי. אין דער הויפּטשטאָט פון באָסניע, סאַראַיעוואָ, שטייט אַ דענקמאָל לזכר די פּריווילִיקע יידן - ספרדים, וועלכע האָבן גענומען אַן אָנטייל און זענען אומגעקומען אין דעם בירגער־קריג אין שפּאַניע. די גרעסטע גוטוויליקייט צו די ספרדישע יידן האָט אַרויסגעוויזן די אָטאָמאַנער אימפּעריע.

און כאָטש דאָס ערשטע שפּאַניש־יידיש (לאַדינאָ) ליד איז צום ערשטן מאָל

אַרויס פון דרוק אין רוים, אין אָנהויב פון דעם 14 י"ה, האָבן די רוימער מער נישט דערלאָזט, אַז אַזעלכע ביכער זאָלן ווייטער דערשיינען. אָבער די אָטאָמאַנער אימפּעריע האָט דערלויבט דרוקן און אַרויסלאָזן שפּאַניש־יידישע ביכער פריי.

דאָס לעבן פון אַ סך פּליטים אין די אַנדערע לענדער איז געווען אַ סך שווערער. דער גרעסטער טייל האָט קיין אַרבעט ניט געפונען און געליטן פון היימלאָזיקייט און הונגער. דערצו נאָך האָט זיך אנגעהויבן דער גירוש פון פּאָרטוגאַל. אַ גרויסע גרופּע יידישע יינגלעך און מיידלעך האָט די פּאָרטוגעזישע מאַכט אַריינגעזעצט אין פּי־שיפן און זיי אַרויסגעזעצט אויפן ים־ברעג פון גווינייע אין אַפריקע און פון די אינזלען סאַן־טאָמע. דאָרט קאָן מען נאָך היינט טרעפן שוואַרצהויטיקע מענטשן מיט סעמיטישע פּנים־שטריכן און הערן אַ סך דערציילונגען פונעם חומש. אַ סך ערגער איז געווען דאָס לעבן פון די ספרדים, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין רומעניע, בולגאַריע און גריכנלאַנד. ווייניק ווער פון זיי האָט איבערגעלעבט דעם חורבן אין דער היטלער־צייט. בעסער איז געווען דער גורל פון די ספרדים, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן אַריבערלויפן קיין האָלאַנד. מיט דער צייט האָט זיך דאָרט צונויפגענומען אַ גרויסע קאָלאָניע.

די היינטצייטיקע יידישע קהילה אין שפּאַניע האָט, נאָך 500 יאָר פון "חרם שפּאַניע" (דעם רבנישן פאַרבאָט זיך אומצוקערן און באַזעצן אין שפּאַנע), זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין 1916. איר גרינדער איז געווען יצחק בייער. אין אָנהויב פון דעם פאַרגאַנגענעם י"ה זענען קיין שפּאַניע אַריבערגעפאָרן אַ סך יידן פון צענטראַל – און מזרח־אייראָפּע. זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אין צפון, אין דעם א"ג באַסקן־לאַנד. די מערהייט פון זיי פאַרנעמען זיך מיט מסחר, געוועב – און פּאַפּיר־האַנדל.

דער בירגער־קריג פון די דרייסיקער יאָרן האָט פאַרהאַלטן דעם פּראָצעס פון אומקערן זיך קיין שפּאַניע, ערשט אין 1964 האָט די יידישע אימיגראַציע זיך אַ ביסל פאַרגרעסערט.

דער יידישער אַקטיוויסט מאַקס מאַסין האָט זיך באַגעגנט מיט דעם דיקטאַטאָר פראַנקאָ, וועלכער האָט דערלויבט שאַפן יידישע אַסאָציאַציעס אין מאַדריד, באַרצעלאָנע, סעוט און מעליל. דערנאָך האָבן זיך אָרגאַניזירט יידישע קהילות אין מאַלאַגע און סעוויל. אין 1982 איז געשאַפן געוואָרן די "פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן אין שפּאַניע".

עס איז אָנגענומען, אַז היינט לעבן אין שפּאַניע אַן ערך פון 100,000 יידן. אָבער נאָר אַ קליינע צאָל פון זיי אָנערקענען אָפן זייער רעליגיע, גייען אין שיל אַריין און באַזוכן די סעקולערע יידישע אָרגאַניזאַציעס. אַלס יידן זענען אָפיציעל פאַררעגיסטרירט נאָר 15 טויזנט נפשות. די אַנדערע האָבן מורא זיך אָנערקענען אַלס יידן מחמת דעם אָנוואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד. די דאָזיקע מגיפה באַזירט זיך אויף דעם נידעריקן קולטורעלן ניוואָ פונעם פאָלק; אויף פאַראַלגעמיינערטע אַלטע און נייע בילבולים, וואָס שיטן זיך פון קדמונים אויף יידישע קעפּ, און אויך – צוליב דער אָנגייענדער מלחמה צווישן די יידן און די אַראַבער אין ישראל. לויט די פּראָפּאַגאַנדע פריידיקונגען פון די דאָזיקע ←

משה בן שלמה זאב (וואָלף).

# דער באַרימטער אַרטיסט אוטיאַסאָוו און דער "פינפטער" פונקט אין זיין לעבן

*(צו זיין 25־סטן יאָרצייט - 1982-1895 - אַ פאַרשפּעטיקטער קדיש)*

אוטיאָסאָוו! וועמען אין דעם אַמאָליקן ראַטנפאַרבאַנד, אין אייראָפּע (איך מיין, אַז אויך אין אַמעריקע) איז ניט באַקאַנט געווען דער דאָזיקער נאָמען? "שמו הולך לפניו"! וועגן זיינע קאָנצערטן פלעגט די סאָוועטישע מעדיאַ געבן צו וויסן פאָרויס און אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען שוין נישט געקאָנט קריגן קיין בילעט אויף זיינע אַרויסטרעטונגען.

זיין עכטער פאַמיליע־נאָמען איז געווען פישביין. נאָר ווי עס איז באַוווסט, אין די אַמאָליקע סאָוועטישע רעפּובליקן, אָנהייבנדיק פון די דרייסיקער יאָרן, זענען יידן מיט עכט יידישע נעמען געווען "פּסול", - "כראָניש קראַנקע", "אינוואַלידן". כדי "געזונט ווערן" - האָבן אַ מעגלעכקייט אָנצוקומען אין אַ הויכשולע (אוניווערסיטעט), פאַרנעמען אַ העכערע שטעלע אין די ספערן פון קונסט, קולטור, יוריספּרודענץ און בילדונג, אָדער אַנדערע העכערע שטעלעס, - פלעגן אַזעלכע "אינוואַלידן" בייטן זייערע נעמען אויף רוסישע.

דאָס אָבער האָט אויך ניט שטענדיק געהאָלפן. די דאָזיקע "קונצן־מאַכערס" האָבן געמסרט זייערע אייגענע פּאַספּאָרטן, דער פינפטער פונקט פונעם סאָוועטישן פּאַספּאָרט. ער האָט אויפגעדעקט די נאַציאָנאַליטעט. פאַר אַ ייד האָבן די צוויי צוויפגעפאָרטע ווערטער באַטייט, אַז ער איז אַן "אינוואַליד" פון דעם "פינפטן פונקט". ←

---

אַנטיסעמיטן, זענען "אַלע יידן שולדיק אין דער שווערער לאַגע פון די פּאַלעסטינער אייגווינער"... "אַלדאָס שלעכטס אין דער וועלט אַלע פאַרשווערונגען קומען אַרויס פון די יידן".

אויך אין די מאַכט־אָרגאַנען וואַקסט די "יודאָפאָביע": בעת דעם לעצטן לבנון־ישראל קאָנפליקט האָבן די שפּאַנישע מאַכט־אָרגאַנען נישט נאָר פאַרטיידיקט די "טעראָריסטישע כיסבאָלאַ" גרופּירונגען, נאָר אויך באַשולדיקט ישראל אין בכיוונדיקער מיסן־הריגה פון לבנונער קינדער. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ פּראָטעסט ביי די שפּאַנישע יידן און ביי דער ישראלדיקער אַמבאַסאַדע.

ניט געקוקט אויף דעם, פאַרפילט זיך די דיאַספּאָרע אין שפּאַנע מיט יידן, וואָס קומען אָן פון אַרגענטינע און אַנדערע לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע. "ריינע" ספרדישע קהילות געפינען זיך אין די שפּאַנישע שטעט אַנקלאַוון סעוט און מאַליליע, אויפן אַפריקאַנער צפון ים־ברעג. אין מאַליליע פונקציאָנירן 10 שילן. אין 1982 איז אַרויס אַ געזעץ, וועלכער דערלויבט די יידן באַקומען בירגערשאַפט נאָך 2 יאָר אומאויפהערלעכן לעבן אין שפּאַניע.

לעאָניד אוטיאָסאָוו, אַ געבוירענער אין 1895, אין אָדעס, איז געווען איינער פון 9 קינדער. (פיר פון זיי זענען געשטאָרבן אין דער פריער קינדהייט). דער טאַטע, אַן אָרעמער מעקלער, האָט קוים־קוים געצויגן די חיונה פאַר דער גרויסער פאַמיליע. אוטיואָסאָוו האָט פון זיין קינדהייט זיך אויסגעטיילט מיט זיין פריילעכן, "זינגעוודיקן און נאַכמאַכערישן" כאַראַקטער. ער האָט ליב געהאַט מוזיק - זינגען און שפילן זיינע "אייגענע אויסגעטראַכטע" לידער. צו 10 יאָר, אָן זיטיקער הילף, אָנגעהויבן שפילן גיטאַר און פידל. אין די יוגנטלעכע יאָרן איז ער "פאַרכאַפּט" געוואָרן מיט צירק און רינגקאַמף. אַלע, וועלכע האָבן געזען זיינע אַרויסטרעטונגען, האָבן באַוווּנדערט זיינע טאַלאַנטן. אין 1911 הייבט ער אָן צו אַרבעטן אין מיניאַטור־טעאַטער. איינצייטיק טרעט ער אַרויס מיט קורצע דערציילונגען און אויסגעטראַכטע מעשיות און וויצן. אין די 20־קער יאָרן האָט ער איינער פון די ערשטע אָנגעהויבן אויספירן אויף דער בינע די ווערק פון באַבעלן און באַגריצקין, זאָסטשענקאָן, אוטקינען א"א. אין 1921–1928 קומען פאַר זיינע ספּעקטאַקלען אין מאָסקווער סאַטירע־טעאַטער. אין אַ יאָר אַרום שפילט ער שוין אין פעטראָגראַדער "פרייען" טעאַטער און אין דעם מאָסקווער אָפערעטע־טעאַטער. אין גיכן ווערט ער באַוווּסט אין גאַנצן לאַנד. מיט אַ גרויסן דערפאָלג פילט ער אויס די ראָלן "מענדל מאַראַנץ", "יאָשקע מוזיקאַנט" און "דער זינגער פון זיין טרויער" אין דער דראַמע פון י. גאָרדין "ווייטער פון דעם אָקעאַן". אין 1923 האָט אוטיאָסאָוו צוגעגרייט אַ "סינטעטישן ספּעקטאַקל" פון טראַגעדיע ביז צו דער טראַפּעציע". ער טרעט אַרויס אין בופאָנאַדע ראָלן, שפּילט פידל און גיטאַרע, דיריגיט מיט דעם אָרקעסטער און בעת מעשה פּילט ער אויס פאַרשיידענע גימנאַסטישע פיגורן. אין 1929 אָרגאַניזירט אוטיאָסאָוו דעם ערשטן טעאַטראַלן דזשעז ("טעאַ־דזשעז"), דערנאָך - דעם "מלוכישן עסטראַדע־אָרקעסטער פון רספסר" - ער ווערט זיין אָפיציעלער דיריגענט, זינגער און קאָנפעראַנסיע. אין צוזאַמען אַרבעט מיט זיינע פריינד און וועלט־באַוווּסטע אַרטיסטן: (י. דונאַיעווסקי, וו. מאַסס, נ. ערדמאַן א"א) האָט אוטיאָסאָוו באַשאַפן עקסצענטרישע מוזיק־קאָמישע איבערזיכטן (1930) און דעם "מוזיקאַלישן מאַגאַזין" (1932).

במשך פון לאַנגע יאָרן איז אוטיאָסאָוו געווען פאַרבונדן מיט דעם קינאָמאַטאָגראַף. ער האָט געשפּילט אין די שטומע פילמען: "דאָס מסחר־הויז - אַנטאַנטאַ און קאָמפּאַניע", "די קאַריערע פון ספּירקע שפּאַנדיריע". אַ באַזונדערן דערפאָלג האָט ער דערגרייכט אין דעם פילם "די פריילעכע יאַטן". ביז גאָר גרויסע אוידיטאָריעס האָבן צונויפגענומען אוטיאָסאָווס "פילמען־קאָנצערטן", געווידמעטע דער סאָוועטישער קעמפנדיקער אַרמיי - "דער פראָנט־קאָנצערט" (1942) און "די פריילעכע שטערנס", אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג אין אוטיאָסאָווס אויספּילונג האָבן באַקומען די לידער פון אַ ריי סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן - "דער מאַרש פון די פריילעכע יונגען", "האַרץ", און "טייערע מיינע מאָסקווער איינוווינער" - פון דעם קאָמפּאָזיטאָר דונאַיעווסקי; "גרענאַדאַ" און "טאַטשאַנקאַ" - פון ליסטאָוון; "פּאַרטיזאַן זשעלעזניאַק" - פון מ. בלאַנטער; "ביים שוואַרצן ים" - פון

מ. טאַבאַטשניקאָוו א"א. אַ בכבֿודיק אָרט אין אוטיאָסאָווס לידער־רעפּערטואַר האָבן פֿאַרנומען די אַלטע רוסישע געזאַנגען פֿון די סאָלדאַטן און מאַטראָסן: "ברייט האָט זיך צעגאָסן דער ים", אויף די סאָפּקעס פֿון מאַנדזשוריע" און אַנדערע.

דעם אַרטיסטס שטימע איז ניט געווען קיין הויכע - אַ ווייכער "כריפּלער" טעמבער, זי האָט זיך אויסגעטיילט מיט איר פּשוטות, אינטימער האַרציקייט און וואַרעמקייט. אוטיאָסאָוו האָט געזונגען נישט נאָר מיטן מויל - כל עצמותיו תאמרנה -מיט זיין מימיק און מיטן גאַנצן באַוועגלעכן קערפּער, מיט זיין פֿילבאַרן האַרץ און מיט זיין יידישער נשמה. ער האָט די לידער נישט געזונגען, ער פֿלעגט זיי אויסשפּילן, און פֿון יעדערע ליד שאַפֿן אַ "מוזיקאַלישע נאָוועלע".

אַ געוויס אָרט אין אוטיאָסאָווס רעפּערטואַר פֿלעגן פֿאַרנעמען אַלטע לידער מיט יידישער טעמאַטיק, וועלכע ער פֿלעגט אויספּילן מיט אַ באַזונדערן חן. אַלע לידער נאָך זיין ערשטער אויספֿילונג האָבן צו מאָרגנס געזונגען קליין און גרויס - יידן און נישט יידן.

אין 1965 איז אוטיאָסאָוון צוגעאייגנט געוואָרן דער טיטול "פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד". אוטיאָסאָוו האָט אַרויסגעלאָזט 3 ביכער: "פֿאַרצייכענונגען פֿון אַן אַקטיאָר" (מאָסקווע 1939), "מיט אַ ליד דורך דעם לעבן" (מאָסקווע 1961) און "אַ דאַנק דיר, האַרץ" (1976)

פֿאַר אַלע יאָרן פֿון דער סאָוועטישער מאַכט איז דער האַרציקער אַרטיסט קיין מאָל ניט אַרויסגעטרעטן מיט אַ שלעכט וואָרט קעגן מדינת ישראל און קעגן ציוניזם. אים האָט אָפּגעגליקט - די סאָוועטישע מאַכט האָט פּשוט ניט באַוויזן אים צו רעפּרעסירן. מען דערציילט, אַז ווען מע האָט געפֿרעגט סטאַלינען, "צי אַריינשטעלן אוטיאָסאָוון אין "צעטל"? פֿלעגט ער ענטפֿערן קורץ און שאַרף, מיט זיין כאַראַקטעריסטישן גרוזינגער אַקצענט - "עשטשאַ אוספּעאים" (מיר וועלן נאָך באַווייזן"). ער האָט אָבער ניט באַוויזן! דער הורג־נפש האָט אָפּגעלייגט מיטן קאָפּ, ווי ס'איז באַוווסט, אין פּורים 1952.

איז דאָך, דאַכט זיך, גוט!? - גוט! אָבער ניט זייער.

* * *

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט זיך אוטיאָסאָוו באַגעגנט מיט דער נידערטרעכטיקן "5טן פּונקט", ווען ער איז נאָך נישט געווען - "אוטיאָסאָוו", - נאָר לעדיע פּישביין. ווען ער איז געווען 10 יאָר אַלט. דער שוין אויסגעוואַקסענער אוטיאָסאָוו האָט שפּעטער באַשריבן זיין ערשטע דערפֿאַרונג מיט דעם "אינוואַליד פֿונעם פֿינפֿטן פּונקט".

"פּרימאָרגן ווי אַלע פּרימאָרגנס. די זעלבע אָדעסער זון. דער זעלבער הימל און אַ שרעקלעכע פֿינצטערניש. פֿינצטערניש... פֿון געצוואַנג. די שטאָט ווי אַ טויט־שטומע. זי האָט פֿאַרהאַלטן איר אָטעם, זי וואַרט, ווי עפּעס דאַרף איצט פּאַסירן. אַ פּוסטע גאַס און אַ גאָראָדאָוואָי. נאָר וואָס טוט זיך מיט אים? פֿאַרוואָס טופּעט ער מיט די פֿיס? פֿאָכעט מיט די הענט?

ער טאַנצט? זינגט?

ניין! ער שרייט, שרייט ווילד, מיט אַ צעריסענעם האַרץ:

– שלאָגט די זשידעס! שלאָגט די זשידעס! – רעוועט ער.

מענטשן לויפן איבערגעשראָקענע מיט אַן אומנאַטירלעכן אימפּעט.

– שלאָג די זשידעס! – שרייט דער גאַראָדאָוואָי – דער שטאָטישער "פּאָרזינגער".

און פון דער זייט ענטפערט שוין אַ צערודערטער כאָר:

– שלאָ–אָ–אָ–ג די זשידעס!

פון אַ ווינקל באַווייזט זיך אַ הויכער בלאָנדין. זיינע וואָנסן גיסן זיך צונויף מיט דער באָרד. פונעם מויל-ווינקל ציט זיך אַ שנירל בלוט. ער באַמיט זיך צו לויפן, נאָר קאָן נישט. מיט אַ גרויסן אָנשטרענג ציט ער איין פוס צום אַנדערן.

פון דער צווייטער זייט גאַס באַווייזט זיך אַ פּולע פּראָצעסיע. צוויי ריזיקע יונגען טראָגן דעם צאַרס און דעם יויזלס פּאָרטרעטן. אָבער אויף וועמען איז ענלעך דער דאָזיקער יעזוס? – יאָ! אויף יענעם מאַרטירער מיט דעם ריזלדיקן שנירל בלוט פון זיין מויל.

אָן כוחות ציט ער איין פוס צו דעם אַנדערן.

– שלאַ–אָ–אָ–ג די זשידעס! – איין יונג האַלט שוין זיין קרבן אין זיין לינקער האַנט און מיט דער רעכטער טוט ער אַ זעץ דעם זשיד אין פּנים. אַ צעפּלאַסטערטער ליגט ער אויף דער ערד. און דער גאָראָדאָוואָי קוקט רויק און רירט זיך ניט פונעם אָרט".

דאָס צווייטע מאָל האָט אוטיאָסאָוו מיט אַ "באַשיידענעם" אַנטיסעמיטישן צופאַל זיך באַגעגנט אין קרעמענטשוק, אין דער שטאָט, וועלכע איז געווען די "מוטערשטאָט" פון זיין טעאַטראַלער טעטיקייט. איין מאָל נאָכן באַזוכן זיינס אַ ספּעקטאַקל, האָט זיך צו אים געווענדט דער בעל-הבית פון דער דירה, וועלכע דער אַרטיסט האָט אַרענדירט – אַן אוקראַאינער – און האָט פאַרפירט מיט אים אַ שמועס:

– הער מיך אויס בחורעץ. אויף וועלכע אומגליקן האָסטו זיך צונויפגעבונדן מיט קרעמענטשוק? מאָסקווע דאַרפסטו!

אוטיאָסאָוו האָט זיך צעשמייכלט און געפּרוווט אַריבערפירן דעם שמועס אויף אַן אַנדער טעמע. דער אוקראַאינער, אָבער, איז פון אים ניט אָפּגעשטאַנען.

– דו, לעאָניד, ביסט דאָך מיט גאָרנישט ענלעך אויף אַ יידן. דו ביסט, אָדער אַ מאָסקוויט, אָדער אַ כאָכאָל. איך בין זיכער – די גלייבסט נישט אין גאָט, אַפילו אין דעם טייוול גלייבסטו אויך נישט. גיי אַריין אין אונדזער קלויסטער און נעם אָן אונדזער גלויבן. דעמאָלט וועט פאַר דיר זיך עפענען דער וועג קיין מאָסקווע". (מ. גלייזער. "לחיים", 2006).

אין יענער צייט איז די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע פּאַסירונג געווען איינע פון די "פריינדלעכסטע". וואַלערי סאַפּאָשקין, אין זיין בוך "לעאָניד אוטיאָסאָוו", באַשרייבט אַ שוידערלעכע "סצענע", אין וועלכער אוטיאָסאָוון איז אויסגעקומען נעמען אַן אָנטייל:

"אין איינעם פון די אָדעסער רעסטאָראַנען, אין וועלכן אוטיאָסאָוו האָט זיך צופעליק געפונען, ליגט אויפן דיל אַ צעבלוטיקטער מענטש. ער וויינט און

יאָמערט. אין זאַל האָבן זיך געפונען סאָוועטישע אָפיצערן. קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. נאָר אוטיאָסאָוו מיט אַ גלאָז קאַלט וואַסער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום אומגליקלעכן. ער האָט אָפּגעווישט דאָס בלוט פון זיין פּנים און צוגעטראָגן דאָס גלאָז מיט וואַסער צו זיין מויל. אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָט דער צעמיימיסטער אויפגעעפנט די פאַרבלוטיקטע אויגן, האָט אויסגעצויגן זיין האַנט צום גלאָז און אַרויסגעשעפּטשעט:

– פאַרשאָלטענע זשידעס, פאַרוואָס האָבן זיי מיך אַזוי צעשלאָגן!

"נישט אַרויסלאָזנדיק קיין איין וואָרט, האָט אוטיאָסאָוו אויסגעגאָסן דאָס וואַסער אויפן דיל און איז פון אים אַוועק".

און נאָך איין פאַל וועגן דעם "פינפטן" פונקט אין וואַלערי סאַפּאָשקינס באַשרייבונג: "איין מאָל בעת אַ קאָנצערט אין אַ שפּיטאָל פאַר פאַרוווּנדעטע סאָלדאָטן, איז צו אוטיאָסאָוון צוגעגאַנגען אַ פרוי, אַ באַוווּסטע פאַרטיזאַנקע:

– חבר אוטיאָסאָוו, וואָס איז די נאַציאָנאַליטעט פון אייער טאָכטער, עדית?

– זי איז אַ יידישע.

– און אייער פרוי?

– אויך אַ יידישע.

– ווער זשע זענט איר?

– אויך אַ ייד.

– אוי, חבר אוטיאָסאָוו, נו וואָס רעדט איר אויף זיך אָן?

אוטיאָסאָוו האָט מיט זיין אויגן־בליק אָפּגעמאָסטן די "פאַרטיזאַנקע" פון די פּיס ביז צום קאָפּ און פון קאָפּ ביז צו די פּיס, דעמאָנסטראַטיוו זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן, און איז אַוועק פון איר."

דער אויבן דערמאָנטער רוסישער שרייבער באַשרייבט נאָך איינעם, אַ האַלב אַנעקדאָטישן, אין תוך אָבער, אַ טרויעריקן פאַל:

"אין איינעם אַ האָטעל גייט צו צו אוטיאָסאָוון אַ שיכורער מאַנספּאַרשוין און הייבט אָן מיט אים צו רעדן. אוטיאָסאָוו האָט אים גאָרנישט געענטפערט. דער שיכור שטייט נישט אָפּ פון אים און שרייט אויס: "אַך דו פאַרשאָלטענע זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ"! דערהערט די דאָזיקע ווערטער האָט דער אינספּעקטאָר פונעם כאָר אָנגענומען אים פאַר די פּלייצעס און אַרויסגעשליידערט אויף דער גאַס. אָבער יענער האָט זיך אומגעקערט, גרייט זיך צערעכענען מיט דעם, וועלכער האָט אים אַזוי "באַליידיקט". די אַרומיקע האָבן אָנגעהויבן באַרויקן דעם סקאַנדאַליסט, געגעבן אים צו וויסן, אַז דער, וואָס האָט נישט געוואָלט רעדן מיט אים, איז אַ דעפּוטאַט פון דעם העכסטן סאָוועטישן ראַט און, אויב ער וועט זיך ניט באַרויקן, וועט דער דעזשורנער מיליציאָנער אים באַלד אַרעסטירן. דער בעל דבר האָט תיכּף ומיד זיך אויסגענישטערט און איז בהכנעהדיק צוגעגאַנגען צו אוטיאָסאָוון און, אַנטשולדיקנדיק זיך, פאַרנייגט פאַר אים דעם קאָפּ און מיט אַ ריינעם מאַמע־לשון אַרויסגערעדט – "חבר, איר דאַרפט אויף מיר זיך ניט בייזערן – איך בין דאָך אויך אַ ייד".

* * *

ניט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן, אַז אוטיאָסאָוו האָט קיין מאָל זיך ניט פֿאַרנומען אין זיין קינסטלערישער אַרבעט מיט דער יידישער טעמע. דאָס איז נישט אמת! נאָך אין די 20קער יאָרן פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם י"ה האָט דער יונגער אַרטיסט אַ לאַנגע צייט געשפּילט די ראָל פֿונעם "גאָספּאָדין" (האַר), סאָנקינען. די ראָל פֿון מענדל מאַראַנץ אין זיין אויספֿילונג האָט שטענדיק אויפֿגערודערט דעם עולם. אוטיאָסאָוון האָט זיך איינגעגעבן פֿאַרוואַנדלען די דאָזיקע פּיעסע פֿון אַ קאָמעדיע אין אַ טראַגעדיע.

אין די 30־קער יאָרן פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם י"ה זענען אין אוטיאָסאָווס פּראָגראַמען געווען איינגעשלאָסן ניט ווייניק יידישע לידער. אייניקע פֿון זיי, באַזונדערס די "יידישע ראַפּסאָדיע" אויף דער מוזיק פֿון יצחק (איסאַק) דונאַיעווסקין, פֿלעגט אוטיאָסאָוו פֿריער אויספֿירן אויף יידיש און דערנאָך אויף רוסיש.

דרך אגב, במשך פֿון זיין גאַנץ לעבן האָט אוטיאָסאָוו ניט פֿאַרגעסן די יידישע שפּראַך! ער פֿלעגט ניט זעלטן זיך קערן צו איר. איצט איז געוואָרן באַוווּסט, אַז אוטיאָסאָוו, צוזאַמען מיט דעם קאָמפּאָזיטאָר מאַרק דאַנסקאָי און דעם באַוווּסטן קינסטלער באָריס יעפֿימאָוו פֿלעגן איין מאָל אין אַ חודש זיך טרעפֿן אויף דער גאַס (ניט אָפֿהענגיק פֿונעם וועטער) ספּעציעל צו אָפּרעדן זיך פֿונעם האַרץ אויף יידיש. אוטיאָסאָוו האָט אָפֿט געזונגען לידער פֿון לייב קוויטקאָ. ער פֿלעגט זיי זינגען אויף יידיש און אויף רוסיש. ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז יידישע לידער און פֿאַרשיידענע יידישע מעלאָדיעס זענען געווען אַ קליינער טייל פֿון אוטיאָסאָווס רעפּערטואַר. אָבער זיי האָבן בשלום זיך צונויפֿגעלעבט מיט די רוסישע לידער "זעמליאַנקאַ", "אַ פֿינצטערע נאַכט" (טיאָמנאַיאַ נאָטש) און זענען געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פֿון זיינע קאָנצערטן.

אוטיאָסאָוו האָט געהאַט אַ סך פֿריינד צווישן די רוסישע שרייבערס און דיכטערס. זיי פֿלעגן אָפֿט זיך ווענדן צו אים פּערזענלעך מיט ביטעס, ער זאָל אָנשרייבן אַן אָפּרוף אויף זייערע אַרטיקלען אָדער לידער. ער פֿלעגט דאָס טון מיט פֿאַרגעניג, טייל מאָל, אַפֿילו, ווען זיי פֿלעגן אים ניט בעטן - פֿון זיין אייגענער איניציאַטיוו.

ס'איז איז ניש באַוווּסט צי אויטאָסאָוו איז געווען פּערזענלעך באַקאַנט מיט דעם וועלטבאַרימטן רוסישן פּאָעט יעווגעני יעווטושענקאָ. (ער לעבט איצט און אַרבעט אין די פּש"אַ) נאָר, ווען עס האָט דערזען די שיין יעווטושענקאָס פּאָעמע "באַבי יאַר", ("ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", סעפּטעמבער 19, 1961) וועלכע האָט אַרויסגערופֿן ביי אַלע אַנטיסעמיטן אַ גרימצאָרנדיקע קריטיק, האָט שוין אוטיאָסאָוו ניט אויסגעהאַלטן און אין עטלעכע טעג אַרום, אין דער זעלבער צייטונג, פֿאַרעפֿנטלעכט זיין בריוו (אין פֿאָרעם פֿון אַ ליד) צו יעווטושענקאָ:

דו ביסט גערעכט, דריי מאָל גערעכט,
פֿון יעדער ס'זאָל ניט זיין פּאָזיציע.
מיר האָבן אויסגעהאַלטן אַ בראָך נאָך אַ בראָך
פּאָגראָמען, היטלערן, באַבי יאַר

און שרעקלעכע אינקוויזיציעס,
נאָך נאָך איין קוק אויף באַבי יאַר,
האָט ניט אויסגעהאַלטן דיין צאָרן,

דו רוס, וואָס ליבסט די מענטשהייט,
פון שוידער - ביסט אַ ייד געוואָרן,
טענהט זיינס דער טעמפּער אַנטיסעמיט
"אין אַלץ איז שולדיק נאָר דער זשיד":
"ניטאָ קיין ברויט - זשיד", ניטאָ קיין גליק - זשיד,
און אין דעם, וואָס ער איז אַ בייזער שוטה
איז בלי ספק שולדיק אויך דער זשיד.

און אויב לענין וואָלט איצט געלעבט,
ווען אָפן איז דער וועג צו דער פּלאַנעטע מאַרס,
וואָלט ער מיט דיר, פּאָעט געוועזן צופרידן,
ער האָט הויך געשעצט דאָס פאָלק, די ערלעכע יידן,
וואָס האָבן דער וועלט געגעבן אַזעלכע ריזן,
ווי אייזנשטיין און קאַרל מאַרקס".

נאָך אַזוי פיל יאָרן, לייענענדיק היינט נאָך אַ מאָל דאָס דאָזיקע אוטיאָסאָווס ליד, ווערט קלאָר, פאַרוואָס זיין אונטערשריפט איז קיין מאָל ניט געווען אונטער די פאַרשיידענע אויפרופן און רעזאָלוציעס, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אויף די פאַרזאַמלונגען פון דעם אַנטי־ציוניסטישן קאָמיטעט. אין די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אַ סך הויכע פאָרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ (אַרקאַדי רייקין, עלינאַ ביסטריצקאַיאַ, מאַיאַ פּליסעצקאַיאַ א"א).

אַלע מיר, וועלכע האָבן אין יענער צייט געלייענט אוטיאָסאָווס ליד, זענען געווען אַנטציקט און איינצייטיק געפּלעפט. אַלע אוטיאָסאָווס ליבהאָבער האָבן געציטערט, אַז דאָס וועט אים פּשוט אַזוי גלאַט ניט דורכגיין. אָבער עס זענען שוין געווען אַנדערע צייטן. אין פולן גאַנג איז שוין געווען די "פּערעסטראָיקאַ", ווי פריער איז אָנגעגאַנגען די עליה, וועלכע די סאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס און די צייטונגען האָבן פאַרדאַמט ווי אַ פאַראַט פון די סאָוועטישע יידן.

די לעצטע יאָרן זענען פאַר אוטיאָסאָוון, מחמת אַ ריי אָביעקטיווע און סוביעקטיווע סיבות, געווען די טראַגישסטע. ער איז פאַרבליבן איינזאַם, אַליין... אַ חודש פאַר זיין אַוועקגיין אין דער אייביקייט איז געשטאָרבן זיין איין און איינציקע טאָכטער, עדיט - אַ זינגערין און אַ פּאָעטעסע - וועלכע האָט יאָרנלאַנג געליטן פון אַן אומהיילבאַרער קרענק.

זיין לעצטע פרוי איז געווען אַ מרשעת און אַ שאַנטאַזשיסטקע. זי האָט צוגעאייגנט נישט נאָר אַלץ, וואָס איז געווען אוטיאָסאָווס מאַטעריעל אייגנטום נאָר אויך וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו זיין קינסטלעריש לעבן און טעטיקייט.

דאָס אַלץ פאָדערט אַ באַזונדערן עסיי וועגן אוטיאָסאָווס לעצטע יאָרן. ←

רבקה באַסמאַן בן־חיים

# דערמאָנונג

זיי געדענקען ווי כ׳פלעג שרייבן לידער,
וויינען לידער,
שווייגן לידער
אויפֿן רויטן ברוק.
געדענקען מיך ביים שטעכלפלויט,
פון שטעכלשפיצן אויסגעטאַטוירט
מיין יונגע הויט,
צו זען אַ פעדעמל פון זונפאַרגאַנג,
פון אייגענעם פאַרגאַנג
אין לעצטער זון.
געזונגען האָב איך דעמאָלט
און מיין ליד -
געווען איז אונדזער זון.

* * *

אַ מאָל
פלעג איך נעמען אין וועג
אַ פעלד מיט קאָרנבלומען,
ווינטיק באַגלייט
און פייגל־געזאַנג, בלויקייט
און פרייד.
איצט נעם איך אין וועג
דעם אָוונט־קאָליר,
די שטילקייט פון בוים
וואָס צייטיקט אַ ליד.
איצט נעם איך אין וועג
פון דיר און פון מיר
אַ בענקשאַפט וואָס בליט.

---

ניט געקוקט אויף אַלע מכשולים און אויטאָסאָווס טראַגישער זקנה,
פאָרבלייבן זיינע פריילעכע, מונטערנדיקע לידער ווי אַ זילבערנער לייכטער און
שבתדיקע ליכט, וועלכע וועלן נאָך לאַנגע יאָרן געפינען אַן אָפּרוף, באַזונדערס,
ווען אויף דער נשמה איז ניט יומטובדיק.
*יהי זכרו ברוך.*

## רויזיקע אַליינקייט

די רויזן־בלעטער פאַלן ביסלעכווייז אַראָפּ
און דעקן צו דעם טיש מיט ראָזן רעגן,
דער טיש ווערט פּלוצעם אַ באַקרוינטער
מיט צירונג פון פאַרכישופטן פאַרמעגן.

אַ שיינע שטאַרבט די רויז. און מיט איר שיינקייט
באַפּוצט זי אַלע שרעקן פאַרן טויט.
אין צימער בלייבט אַ רויזיקע אַליינקייט,
וואָס טריפט אין זון אַריין
מיט לעצטן רויט.

## אָטעם פון קאָלירן

אָנגעטאָן אין זוניקן פרימאָרגן
אויסגעטאָן פון טעג און יאָרן,
ווי דאָס לעצטע בלאַט
וואָס האָט זיין בוים פאַרלוירן,
אָטעם איך קאָלירן פון דיין לעבן
און איך רייד מיט דיין געשוויג

ווערטער דיינע וואָס זיי לעבן
ווי אַ זוניקער פאַרבלייב.
אָנגעטאָן אין זון און טרערן,
אויסגעטאָן פון טעג און יאָרן
ווי דאָס לעצטע בלאַט
וואָס האָט זיין בוים פאַרלוירן.

## אין דער שטילקייט

כ׳בין אַרויס צו דער זון
וואָס פאַרנייגט זיך צום ים,
איר פלאַם האָט אַ מילדער
מיין פנים געגלעט,
ניט קיין פלאַם,
אַ מאַמעס וואַרעמע האַנט
איידער זון
איז פאַרזונקען אין ים.

כ׳בין אַרויס צו דער זון
וואָס פאַרנייגט זיך צום ים
און דערהערט אין דער שטילקייט
אַ ניגון -
אַ ניגון אַזאַ ווי דער מאַמעס געזאַנג
אַ ניגון אַזאַ ווי אַ זוניק פאַרלאַנג,
און ס׳האָט אין מיין טרער
זיך געשפּיגלט אַ ליכט -
מיין מאַמעס ליכטיק געזיכט.

## נאָכן שטורעם

נאָכן שטורעם בלייבט אין צווייגן
אַ געשוויג,
בלעטער, די פאַרבליבענע,
גלעטן זיך די ווונדן,
זיי טרינקען פון דער זון
די טראָפּנס ליכט
און ווערן ווידער גרין.
אויך אין מיר בלייבט נאָכן שטורעם
אַ טונקעלער געשוויג.
מיינע בלעטער גלעטן זיך די ווונדן,
שטעלן זיך אין שורות אויס
און ווערן ריידעוודיק
און ווערן ווונדער.

### יידיש

כ׳האָב אויסגעמעקט
אַלע שורות,
געלאָזן בלויז איינע.
ניט געוואָלט אין די שורות
אויף יידיש וויינען.
ניט געוואָלט זיך בעטן,
דערמאָנען,
דערקלערן.
ניט געוואָלט באַגיסן
די שורות מיט טרערן.
האָט דאָס האַרץ
די איינציקע שורה געפּירט
צום אָטעם פון ליבשאַפט.
און אַזוי וועט אַ שורה אויף יידיש
זיך שרייבן,
פון ליבשאַפט
אַן איינציקע
בלייבן.

לילקע מייזנער

# אימאַזשן פון פאַרגאַנגענע נעכטנס

## (צו די מוזיק־קלאַנגען פון קלאָוד דעביוסיס "אימאַזש")

דער ווינט האָט געוויעט ווי אַ הונגעריקער וואָלף, זוכנדיק עסן. די צווייגן פון די ביימער האָבן זיך געוויגט און גענידערט אַלץ טיפער און טיפער צו דער ערד. די טרוקענע בלעטער האָבן געשאַפן בערגלעך פון ברוינע און רויט־געלע קאָלירן, און דער הימל - דורכזיכטיק בלוי. דער קלאַנג פון דעם ווינט האָט געשאַפן אַ מאָדנע שטימונג, אַ שטימונג פון אומרו און אומזיכערקייט. דער טאַנץ פון די בלעטער איז געווען אַ ריטמישער, אַרויף, אַראָפּ און אין אַ זייט - קליינע אָפּגעבראָכענע צווייגן האָבן געקלאַפּט אין די שויבן ווי בעטנדיק זיך - לאָז מיך אַריין. אין אָט דעם מאָדנעם גערודער האָב איך זיך צוגעהערט צו דעביוסיס קלאַנגען פון זיין "אימאַזש" און כ'בין פאַרטראָגן געוואָרן העט ווייט, אין מיינע נעכטנס, און נישט ווילנדיק אָנגעהויבן מאָלן "פּאַסטאָראַלע" בילדער, וואָס זיינען אויפגעשווומען אין מיין דמיון אין דעם ווינטיקן פרימאָרגן. כ'האָב אָנגעהויבן איבערחזרן דאָס וואָרט "כ'האָב ליב", "האָב ליב געהאַט"... און דאַן זיינען אַרויסגעשווומען בילדער, בילדער וועלכע איך האָב פאַרהאַלטן אין מיין זכרן צוליב זייער פאַרבינדונג מיט דעם, וואָס איז "געווען", מיט דעם "דאָרט", וואָס איז פאַרשוווּנדן.

...כ'האָב ליב די גרינע לאָנקעס און גאָדליקע לובין־פעלדער; די ערד, אַ צעאַקערטע, וואָס פאַרעוועט אין די פריע מאָרגן־שעהן. כ'האָב ליב דעם קריי פון האָן און דאָס הירזשען פון פערד, די שטרויענע דעכער און פאַרקרימטע פלויטן; די קליינע בעריאָזקע, וואָס איז געשטאַנען אַן עלנטע ביים ברעג פון פעלד. כ'האָב ליב די טיפע גרינע וועלדער, די סאָסנע־ביימער וואָס זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין רייען, באַדעקט מיט גרינעם מאָך; און די קלייניקע לילאַ־בלומען, פון וועלכע די מאַמע האָט געפלאָכטן קיישלעך און געמאַכט קרענץ. כ'האָב ליב די זיך דורכרייסנדיקע זון־שטראַלן צווישן די הויכע סאָסנע־ביימער און די פרישע געלע "זשיוויצע", וואָס פלעגט אַראָפּרונען, ווי טרערן אויף ברוינער קאָרע; די פייגל־צווישטשערייען וועמענס עכאָ האָט אָפּגעקלונגען ווייט־ווייט און איבערגעריסן די וואַלד־שטילקייט. כ'האָב ליב כ'האָב ליב די לאַנג־פאַרגאַנגענע נעכטנס - דאָס ליד פון מיין "געווען".

...קען ליידיקייט זיין פול, און חלום - וואָר? האָסט אויסגעשטרעקט דיינע אָרעמס - אין חלום - און איך בין געפאַלן אין זיי. אין חלום האָב איך דיינע הענט געהאַלטן און געפילט דעם אָטעם - פון ליידיקייט און אין בענקשאַפט געוואַרט אויף דיר און געזוכט דעם חלום פון אויסגעשטרעקטע אָרעמס... און געוואַרט...

די קלאַנגען פון ערשטן טייל "אימאַזש" האָבן זיך געענדיקט און איך בין געווען פאַרטראָגן - גאָר, גאָר ווייט. דער ווינטיקער געוויין און די מוזיק־טענער

האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ סימפאָנישער שאַפונג און מאָלערישן געוואַנט, וועלכע האָבן געהאָלפן אַרויסרופן די בילדער און מאָלן זיי אין די שאַרפסטע קאָלירן.

זומער־לעב! ברייטע פעלדער. איך זע דיך לויפן און יאָגן זיך נאָך די זומער־פייגעלעך. דו האָסט אין דער האַנט די נעץ. דיינע ברוינע קאַשטאַן־האָר זיינען צעפּאַטלט, די פּאָלעס פון דיין ווייס העמד טראָגט דער ווינט. דו לויפסט אַזוי גיך, אַזוי ווייט, איך קען דיך נישט דעריאָגן. אָט, דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב דיך דעריאָגט – און דאַן, לויפסטו ווייטער... ביז דו פאַרשווינדסט – און איך זע נאָר דאָס ליידיקע פעלד... ביסט נישט מער... ביסט פאַרגאַנגען.

...אין דעם ווייטן אַ מאָל איז אַ טיש געשטאַנען. אַ גרויסער הילצערנער טיש, צוגעדעקט מיט אַ רויטן פּלושענעם טישטוך. אַרום דעם טיש זיינען פיר געשטאַלטן געזעסן, און די דרויסנדיקע ליכט האָט באַלויכטן זייערע פּנימער; דער מאַמעס ליכטיק פּנים, מיט די פאַרטראַכטע ברוינע אויגן און וואַרעמען שמייכל, וועלכער האָט צוגעגעבן אַזוי פיל חן איר גאַנצן געשטאַלט; דעם טאַטנס האַלב־גרויער קאָפּ מיט דער אָדלער־נאָז און טיפּע בלויע פאַרחלומטע אויגן, די גוטסקייט אויסגעגאָסן אויף זיין געזיכט. אין דער קליינער קעשענע פון זיין זשאַקעט, דאָס אייביק ווייסע טיכל. פון דער אַנדערער זייט טיש, ביסט דו געזעסן, מיט דיין גאַנצער יונגער אומרויקייט: די צעפּאַטלטע האָר, די זשעסטיקולירנדיקע הענט, דיקע סענסועלע ליפּן און האַלב אָפּן מויל. לעבן דיר, בין איך געווען, די לאַנגע ברוינע צעפּ האָבן אַרומגענומען מיין קאָפּ און די אומרויקע אויגן האָבן עפּעס געזוכט, געקוקט אין דער ווייטקייט און געחלומט חלומות... האָט דער ווינט געבראַכט דאָס בילד – און באַלד עס צוגענומען. געבליבן איז נאָר איינער פון דעם ווייטן פּאָרטרעט – און די צייט האָט די צעפּ גרוי געמאַכט. אפשר ליגן אויף זיי די אַש פון די אַוועקגעגאַנגענע געשטאַלטן, די אַש פון פאַרגאַנגענע נעכטנס!

...זי איז געווען אַ הויכע, מיט פּעך שוואַרצע האָר און שיינענדיקע אויגן. אירע האָר, פאַרקעמט מיט אַ שרונט אין מיטן און פאַרוויקלט אין אַ "קאָקס" אויף איר קאַרק. זי איז געשטאַנען מאָדנע שטאָלץ אין קלאַס־צימער ביי דעם שוואַרצן טאָוול און דעם הענגנדיקן זייגער. איר לימוד אין אונדזער יידישער שול איז געווען פּויליש און פּוילישע ליטעראַטור. פלעגט זי אונדז נעמען אויף די געשיכטלעכע ליטעראַרישע שפּאַצירן, און אונדז אַריינפירן אין דער קלאַסישער פּוילישער ליטעראַטור. אירע לעקציעס זיינען געווען שעדעווורען. מיר זיינען באַצויבערט געוואָרן פון אירע באַמערקונגען, דעם פאַרלייענען און דערקלערונגען. זי האָט געמאַכט פאַרגלייכן מיט דער יידישער ליטעראַטור – פּרץ און וויספּיאַנסקי האָבן באַפליגלט אונדזערע געמיטער. זי האָט באַרייכערט אונדזער לעבן און פאַרפלאַנצט זוימען, וואָס האָבן שפּעטער אַרויסגעגעבן פרוכט. זשעניע בענינסאָן איז געווען איר נאָמען. איך הער איצט איר שטימע, וואָס דער ווינט האָט מיט זיך געבראַכט. איך זע איר ליכטיק אָפּן פּנים, ווען זי האָט מיט זאָרג אַרומגענומען די, וועלכע האָבן זיך גענייטיקט אין איר מוטערלעכער הילף און וואַרעמקייט. זשעניע – זי

האָט געוווּסט ווען אימיצער איז הונגעריק און דערשלאָגן געווען. זי האָט געמונטערט און געוועקט. זי איז געווען - געווען און אַוועק! אויף וועלכן וואַנדער־וועגן ביסטו פאַרשווונדן, מיין טייערע לערערין? אין וועלכן אומבאַקאַנטן קבר ליגסטו? וויל איך דיך היינט דערמאָנען. געדענקען דיין ליכטיק פּנים, דיינע ברוינע געפּילפּולטע אויגן - און דיינע אָרעמס, וועלכע האָבן געבראַכט ליבע וואַרעמקייט און זיכערקייט. צו דיר, מיין זשעניע, די ווערטער, וועלכע האָבן זיך היינט אַרויסגעריסן פון מיינע מח־פאַלדן.

...די טענער פון די "אימאַזש"־קלאַנגען זיינען איבערגעריסן געוואָרן, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך פאַרטראַכט, וועלכן אימאַזש אַרויסצורופן. און מיט אַ מאָל האָט די פידל איבערגעריסן די פּויזע, איך האָב אָנגעהויבן פונאַנדערצונעמען די אַלטע געוועבן און דורך זיי, זען דאָס בילד.

ער איז געווען אַ הויכער, מיט לאַנגע פיס און הענט. די דינע האָר אויף זיין קאָפּ האָבן שוין אָנגעהויבן גרוי צו ווערן. זיין אַסקעטיש געשטאַלט איז איצט אויפגעשווומען אין מיין זכרון. אין דער רעכטער האַנט האָט ער שטענדיק געהאַלטן די פידל מיט דעם סמיטשיק ביי דער זייט. ער איז נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. אַזוי ווי ער וואָלט נאָכגעיאָגט די צייט. אַריינגעייענדיק אין קלאַס־צימער איז ער געבליבן שטיין אין דער טיר, ווי ער וואָלט דערוואַרט עפּעס, צי אימיצן, געמאַכט אַ פּאָר טריט פאָרויס, אַוועקגעלייגט זיין פידל און אָנגעהויבן... ער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון אונדזער יידיש־וועלטלעכער שול, אין מיין היימשטאָט לאָדזש. ער איז געווען דער לערער פון מאַטעמאַטיק און מוזיק. אַ גלענצנדיקער פידל־שפּילער און מוזיקאָלאָג. די פידל איז געווען זיין לעבנס־פריינד, אויסטייטשער פון שווערע פאַרמולן, און היילער פון זיינע פאַרשיידענע געמיט־צושטאַנדן. ער איז געווען מיין לערער, דער ווילנער געבוירענער מאַן, מיט זיין ראָמאַנטישער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז ווי אַ לעגענדע אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט אונדז אַריינגעפירט אין דער מוזיק־וועלט. די טענער פון אָפּערעס האָט ער פאַרוואַנדלט אין יידישן געזאַנג - און די ווערטער זיינען טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון. דעם טרוימפאַלן מאַרש פון דער אָפּערע "אידאַ" האָט ער פאַרוואַנדלט אין אַ קלינגענדיקער קאַנטאַטע, מיט ווערטער פון האָפענונג און גלויבן, וועלכע האָבן אונדז באַצויבערט. דער ווינט האָט די ווערטער געבראַכט. זיי שווימען אַרויס און מיין האַרץ צעזינגט זיך - אָט זיינען זיי:

*"הערלעכע יאָרן, זוניקע טעג. צייכענען אונדזער וועג. דעם וועג פון פרייד און ליידן, דעם שווערן וועג פון קאַמף און זיג, דערמאָנען מיר היינט מיט גליק".*

זיין נאָמען איז געווען לאַזאָווסקי. ער איז געווען דורכגעזאַפּט מיט ליבע צו יידישער קולטור און וויסן. זיינע פּעדאַגאָגישע פעיקייטן זיינען געווען באַקאַנט אין דער לערער וועלט - טראָץ זיין שטרענגקייט איז אין אים געווען אַ סך ליבע און פאַרשטענדעניש פאַר דעם קינד. געפירט. האָט ער אַן אַסקעטיש לעבן - און די שול האָט אויסגעפילט זיין וועזן. ער האָט געהאַט אַ קליין צימער אין דער שול, וואָס האָט אים געדינט אַלס ביוראָ און וווין־אָרט. אין מיטן פון צימער איז

געשטאַנען אַ קליין הילצערן טישל - דער פלאַץ פאַר זיין פידל. אויף דער פּאָדלאָגע - זיינע פּאַפּירן. די שילער זיינען געווען זיינע קינדער. ער האָט זיי געפירט איבער די שטורעמדיקע וואַסערן. ביז דער מלחמה־שטורעם האָט אים פאַרפירט אין די ווייטע רוסישע טייגעס, און זיינע שילער - אויף דעם שליאַך פון אומקום. און ווען ער איז נאָך דעם שרעקלעכן חורבן צוריק געקומען אין זיין היימשטאָט - אָן דער פידל - האָבן זיינע לעבנגעבליבענע שילער אים געשאָנקען אַ מתנה - אַ נייע פידל. זיינען טענער פון דער אָ פידל היינט צו מיר געקומען, און פאַרוואַנדלט זיך אין נאָך אַן "אימאַזש", אַן אימאַזש פון פאַרגאַנגענע טעג.

פאַרגאַנגענע טעג, איר קומט צו מיר אַזוי אָפט! איך לאָז אייך נישט פאַרגיין. איך האַלט אייך שטאַרק אין זיך! איר שפּאַנט צוזאַמען מיט מיר - אין מיר! איז לאָמיר שפּאַנען, לאָמיר דערמאָנען - ווייל אויב נישט מיר - איז ווער?

דער שטורעם־ווינט האָט זיך באַרויקט, ער איז שוואַכער געוואָרן. די ביימער האָבן שטופּנווייז אויסגעגלייכט זייערע רוקנס און די בלעטער האָבן, דאָ און דאָרט, זיך געהויבן אין זייער טאַנץ. די טענער פון דער מוזיק זיינען געוואָרן פאַמעלער אין זייער ריטעם - אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך פאַרהאַלטן אין אַ מין זוכעניש. איבערגעריסן אָט די טיילווייזע שטילקייט האָט אַ קלאַפּ אין דער טיר און צוריקגעבראַכט מיך פון די נעכטיקע טרוימערייען.

...דער יונגער בחור איז געזעסן אַנטקעגן מיר, ביי דעם קיילעכדיקן טיש. זיין אָפן צעשטראַלט פנים און ברענענדיקע אויגן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט "יוגנט". זיינע פראַגן זיינען געשטעלט געוואָרן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז עס איז געווען שווער זיי נאָכפּאָלגן "כ'וויל וויסן, כ'וויל אַלץ וויסן, דערציילו!" זיינע פראַגן זיינען געווען קלוג און אינטעליגענט, נישט איין מאָל איבערגעריסן מיט דערשטוינונג - "ווי אַזוי, ווי קען עס זיין, פאַרוואָס?" האָב איך מורא געהאַט צו צעשטערן זיין רו. איך האָב געצערטלט די ווערטער און אים געזאָגט, אַז טראָץ אַלעמען, גלייב איך אין מענטש. אַז אין תוך גענומען איז דער מענטש גוט, אַז נישט אַלץ איז שלעכט! אַז ער, דער יונגער זכריה, און נאָך אַזעלכע, קאָנען העלפן דעם קראַנקן אַרום. זיינע אויגן זיינען טיילווייז פאַרכמאַרעט געוואָרן. און מיר האָט ווי געטאָן זיין ווייטיק.

דו זוכסט, טייערער יונגער פריינד מיינער, נייע וועגן, ליכטיקע האָריזאָנטן. ווילסט געפינען דעם "דיכטיקן" וועג. מיר האָבן אַלע געזוכט, מיר זוכן נאָך אַלץ! איז דער אַלטער גריכישער פילאָזאָף דיאָגענעס נישט געלאָפן מיט זיין לאַמטערן זוכן דעם מענטש? זכריה טייערער, לויף, לויף נאָך דעם זומער־פייגעלע, נאָך וועלכן דיין יונגער אומבאַקאַנטער חבר איז געלאָפן. ער האָט אויך געזוכט! לויף ווייט און ברייט, און דו וועסט געפינען דעם וועג צו דעם "זוניקן ברעג". זוך און פרעג! דער וועג פון זוכן איז דאָך דער וויכטיקסטער. זאָל ער דיר נישט צעשטערט ווערן! זאָל דיין אימפּעט דיר העלפן אין דעם "גאַנג פון אַ זוניקן וועג", ווי עס האָט געזונגען אונדזער יידישער פּאָעט פּאַפּירניקאָוו.

נאָך דעם שמועס מיט זכריהן, האָב איך לאַנג געטראַכט. האָב איך צעשטערט זיין יוגנטלעכע רו? איך האָב צעשטערט מיין רו - אַ מאָדנע בענקשאַפט ←

משה שקליאַר

# דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ

*אין פאַרגאַנגענעם יאָר איז אין ישראל געשטאָרבן דער באַוווּסטער שרייבער ק. צעטניק, דער ניצול געוואָרענער פון אוישוויץ־גיהנום, וועלכער האָט זיין גאַנצן שאַפערישן טאַלאַנט געווידמעט דער איינציקער טעמע פון דער דעגראַדירונג פון מענטש אין די היטלעריסטישע טויט־לאַגערן. זיינע אויפטרייסלענדיקע שילדערונגען פון יענער "עפּאָכע פון אויוונס" האָבן גאָר וויניק גלייכנס צו זיך אין דער וועלט־ליטעראַטור. אָפּגעבנדיק כבוד דעם שרייבער ק. צעטניק ברענגען מיר אַן אָפּהאַנדלונג וועגן זיין בוך "דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ", וואָס מיר האָבן געדרוקט מיט יאָרן צוריק, נאָכן אַרויסקום פון דעם בוך.*

"פון שטאָל און אייזן, קאַלט און האַרט און שטום,
שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך דו מענטש – און קום!"

**ח.נ. ביאַליק**

קום מענטש, אָבער נישט אין דער שחיטה־שטאָט, ווו חיים נחמן ביאַליק האָט אונדז געפירט מיט העכער אַ יאָרהונדערט צוריק, נאָר אין דער שטאָט פון גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריע־קוימענס, אין דער שטאָט פון סאַמע אוממענטשעכן טויט, אין דער שטאָט פון פּערטל, האַלבע און גאַנצע מתים, ווו דער וועג אַריין פירט דורך אַ גרויסן טויער מיטן אויפשריפט "אַרבייט מאַכט פריי", און דער וועג אַרויס צו דער פרייַ – דורך דעם רויך, וואָס שלענגלט זיך טאָג און נאַכט צום הימל; קום, מיר וועלן גיין איבער אוישוויץ. אַ וועגווייזער וועט אונדז זיין דער מענטש וועלכער האָט געזאָגט – "איך שווער מיט מיינע הענט אַרומגעאָרעמטע אַרום אייער אַש, צו זיין אייער קול, און דאָס קול פון שטומען אויסגעברענטן קאַצעט; איך וועל נישט אויפהערן וועגן אייך דערציילן ביז מיין לעצטן אָטעמצוג. אַזוי העלף מיר גאָט, אמן".

– אַ וועגווייזער וועט אונדז זיין ק. צעטניק, דער שרייבער וואָס האָט נאָך אַלץ פאַר אונדז נישט אַנטפּלעקט זיין נאָמען, אָבער וועלכער האָט זיך אויף אייביק שוין פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, און אפשר טאַקע אויך פון דער וועלט־ליטעראַטור, מיט זיין "הויז פון די ליאַלקעס", און מיט זיין נייסטן בוך "אַ זייגער וואָס איבערן קאָפּ".

און ווען אַפילו דאָס האַרץ זאָל זיין "פון שטאָל און אייזן, קאַלט און האַרט און שטום", וועט עס אויך נישט קאָנען רויק דורכגיין דורך די פּופּצן ←

האָט זיך היינט פאַרלייגט אין מיין האַרץ, אַ בענקשאַפט נאָך דעם פאַרגאַנגענעם. אימאַזשן, שטיל־לעבן, מענטשן, חברים, ערטער – דאָס אַלץ וואָס האָט געשאַפן דעם "אַ מאָל" – און דו זכריה, האָסט מיך צוריקגעבראַכט צו "היינטיקע טעג", און איך האָב דיר געבראַכט "מיינע פאַרגאַנגענע נעכטנס". צוזאַמען האָבן מיר געשאַפן די "אימאַזשן" פון מענטשלעכע טעג.

עטאָפּן פון גיהנום, וואָס זענען פאַרגעשטעלט אין די קאַרגע 131 זייטן פון דאָזיקן בוך. און גוט אַזוי! עס קאָן נישט, עס טאָר נישט זיין קיין רו.

נישט פאַר מיר און נישט פאַר דיר און נישט פאַר אים.

פאַר קיינעם נישט.

כל זמן עס גייט נאָר אַרום אויף דער ערד כאָטש איינער, וואָס האָט אינספּירירט און האָט אָרגאַניזירט די אויסראָטונג פון מיליאָנען, וואָס איז געווען אַ דירעקטער אָדער אומדירעקטער אויספירער פון דער היטלעריסטישער פאַרניכטונג-פּאָליטיק לגבי אונדזער פאָלק, אַ שרויף אָדער שרייפל אין דער פיין-און מאָרד-מאַשין-טאָרן מיר קיין רו נישט האָבן.

– מיר, די לעבן געבליבענע, די על-פּי-נס ניצול געוואָרענע, וועמענס הויט איז נאָך אָפּגעזענגט פון די קרעמאַטאָריע-פלאַמען.

– מיר, וואָס האָבן מיט אייגענעם בלוט געהאָלפן לעשן דאָס פייער, וואָס האָבן מיט געווער אין האַנט געהאָלפן דערשלאָגן די חיה, וועלכע שטייט ווידער אויף תחית המתים אין פאַרשיידענע עקן וועלט.

מיר טאָרן נישט רוען!

צו דעם רופט אונדז ק. צעטניק. "דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ" קלאַפּט אויף טרעוואָגע.

אַ שטיל, פאַרשטיקט געשריי גייט אויף פון צווישן די זייטלעך פון דאָזיקן בוך, פון צווישן די אָפּגעהאַקטע שורות, וואָס דערמאָנען אין אָפּגעהאַקטע יאָרן, אין פאַרשניטענע לעבנס פון טאַטעס און מאַמעס, פון ברידער און שוועסטער, פון זקנים און קינדער.

ווען עס זאָלן נישט זיין די פילצאָליקע היסטאָריש-וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן וועגן דער גרויליקער צייט, די לידער און פּאָעמעס, ראָמאַנען און דערציילונגען, זיכרונות ביכער, יזכור-ביכער און גבית-עדות זאַמלונגען. וואָלט גענוג געווען איין "זייגער וואָס איבערן קאָפּ", כדי די וועלט זאָל באַקומען אַן אַנונג וועגן אוישוויצער קאָשמאַר, וואָס איז דאָך געווען די "קרוינונג" פון היטלעריסטישן אויסראָטונג-ווערק. און דאָס באַשטימט דעם ראַנג פון ק. צעטניקס ניי בוך.

עס איז אַ דאָקומענט און אַ הויך-קינסלעריש ווערק גלייכצייטיק; אַ בוך וואָס איז געשריבן פון איינעם מיט אַ גאָט-געבענטשטן טאַלאַנט צו זען און הערן, אויפנעמען און איבערגעבן מיט פּשוטע ווערטער בילדער און געשעענישן, וואָס מאַכן אויפשוידערן דאָס סאַמע פאַרגליווערטע האַרץ. און ווייל עס איז נישט סתם דאָקומענט, נאָר קונסט פון דער סאַמע עכטסטער פּראָבע, ווירקט נאָך שטאַרקער דאָס דאָזיקע בוך.

מיר האָבן פאַר זיך פופצן קאַפּיטלען, פופצן עטאַפּן – עטאַפּן וואָס פירן בלויז אין איין ריכטונג – צום טויט. די דאָזיקע פופצן עטאַפּן האָבן דורכגעמאַכט, אַזוי אָדער אַנדערש, זעקס מיליאָן מענטשן-יידן.

דער פאַרעטאַפּ: "זון אויף דער פּאַרק-גאַס": ס'איז האַרט ערב דער גרויסער קאַטאַסטראָפע. סעפּטעמבער 1939, "איבער דיין קאָפּ הענגט דער גרויסער רונדיקער זייגער: פינף מינוט צו ניין!" און אין דער לופט הענגט דער טויט.

מענטשן ווייסן נאָך נישט, אָבער זיי פילן, זיי אָנען די געפאַר. "שוין דער צווייטער טאָג ווי די פאָסט-פאַכן זענען לער, פון דעסטוועגן גייען זיי (די סוחרים) פאָרט אַריין. אויף צוריק וועגס גייען זיי שוין פאַמעלעך. די פיס טראַכטן. קאָנסט אָנרירן די אומצופרידענע אומגעדולדיקייט אויף זייער פנים".

די פיס טראַכטן... וואָס נאָך קאָן געזאָגט ווערן, כדי פלאַסטישער פאָרשטעלן די טראַגיק פון מענטשן, וועלכע טראָגן אין זיך די אומזיכערקייט פאַרן היינטיקן און מאָרגנדיקן טאָג?!

און אָט איז דער "ערשטער עטאַפ": אין שטאָט זענען שוין די דייטשן. יידן גראָבן אַ ברודער-קבר. פאַר זיך, צי פאַר אַנדערע? וואָס איז דער אונטערשייד? זיי גראָבן.

"די זון ליגט פלייצעדיק אויפן שאַרף פון דער שופל. ביי דיין יעדן שופל אַריינזעץ באַגראָבסטו די זון אין דער ערד. נאָר ביי דיין יעדן ערד-אָפוואַרף - שווימט זי ווידער קאַפויער אויפן שאַרף פון שופל.

צעשטראַלטער ווי פריער.

...אַקעגנאיבער דיינע אויגן: שטיוול, אַ שורה שטיוול, העכער פון די שטיוול - הויזן. גרינלעכע הויזן. העכער - ווייסע הענט. זיי האַלטן אויסגעשטרעקט מאַשין-ביקסן"

באַגראָבענע זון, שטיוול, גרינע הויזן, ווייסע הענט מיט מאַשין-ביקסן - און דאָס איז אַלץ, און דאָס איז גענוג צו דערפילן דעם שוידער, דעם גאַנצן גרויל פון גראָבן אַ קבר פאַר זיך אַליין, פון אומבאַהאָלפנקייט אַנטקעגן דער בעסטיע מיט די ווייסע הענט...

"צווייטער עטאַפ": "אַלטן-אַקציע". מיר קענען די טראַגיק פון ערשטן אומגלויבן אין דער דייטשישער רשעות, פון דעם ביסעלע אילוזאָרישער האָפענונג, וואָס האָט געטליעט אין מענטשלעכע הערצער ביז דער לעצטער מינוט: נישט אונדז מיינט מען דאָך; זי איז באַקאַנט פון וואַרשעווער און לאָדזשער געטאָ, פון ביאַליסטאָק און ווילנע, פון אַלע געטאָס אין אָקופירטן אייראָפע. וויפל מי און אָנשטרענג האָט זיך געפאָדערט פון אונדזערע העלדן-ווידערשטענדלער, כדי באַפרייען די מענטשן פון דער דאָזיקער טראַגישער אילוזיע, וואָס האָט געפירט צו פאַסיווקייט און איז געווען אַ שפייז פאַר דער פאַרעטערישער יודענראַט-אידעאָלאָגיע. ק. צעטניק ווייזט אויף דעם דאָזיקן גראַנגל, נישט דירעקט, אומדירעקט, דורך דער "אַלטן-אַקציע".

"...אויף ביידע זייטן גאַס שטייען שניי-קערער - יונגע מענטשן, און פאַרביי זיי פירט מען דורך אַלטע לייט קיין אושוויץ. "דער פאַלנדיקער שניי לעשט אויס די פוסטריט פון די פאַרבייגייענדיקע. די שניי-שאַרער וועקן זיך אויף; שפרינגען אַרויס מיט אויסגעשטרעקטע לאָפעטעס צום מיטן וועג, אַ באַנייטע פלייסיקייט האָט זיך אין זיי אויפגעוועקט... זיי טראַכטן: "אַן אַלטן-אַקציע"! סוף כל סוף איז דאָס אַ פאַרשטענדלעכע זאַך: לייגט זיך אויפן שכל, אָט די פאַרבייגייענדיקע וואָלטן נישט געקאָנט שטיין דאָ און שאַרן צוועלף שעה נאָכאַנאַנד דעם שניי. זיי קאָנען מער נישט אַרבעטן, דערפאַר שיקן די דייטשן זיי

אַוועק קיין אוישוויץ. אָבער מיר - מיר וואָס קאָנען אַרבעטן אָט אַזוי, אָט אַזוי, פאַרוואָס זאָלן די דייטשן אונדז שיקן קיין אוישוויץ? פאַרוואָס?"

און ער בלייבט הענגען, דער דאָזיקער "פאַרוואָס"? אָן אַן ענטפער. קיינער איז דעם ענטפער נישט פעיק צו געבן.

אַ דאָקומענט פון דער צייט? יאָ, אָבער גלייכצייטיק איז עס אַ גרויסע פאַראַלגעמיינערונג, וואָס איז דער קענצייכן פון יעדער עמתער קונט.

און נאָך דעם קומען די ווייטערדיקע "עטאַפּן": "קינדער-אַקציע", "לעצטער טראַנספּאָרט". אַלע אילוזיעס האָבן זיך געענדיקט, אוישוויץ...

פאַרן טויט, וואָס איז אומפאַרמיידלעך, מוז נאָך דער מענטש דאָ דורכגיין שבעה מדורי גיהנום. איינער פון זיי - דער "זעקסטער עטאַפּ" - אוישוויצער באָד: "דינע קאַלטע שנייעלעך, קאַלטע בייטשן, פּראָסטיק גליענדיקע בייטשן, נאָך אַ רגע; רייסן זיך איבער אין דער לופט.

פאַרשווינדן.

ליידיקע, טונקעלע, געהיימנישפולע לעכעלעך, און אוישוויצער "באַדע-אַנשטאַלט".

ווידער אַ מאָל,

און ווידער אַ מאָל,

און ווידער אַ מאָל.

פּלוצלינג אַ יאָמערלעכער אויסגעשריי:

- וואַסער!!! מענטשן, וואַסער!!!

פּלוצלינג באַקומען העלדזער צוריק קעפּ - קעפּ מיט אויגן, קעפּ מיט מיילער. די קעפּ דרייען זיך אום איינער צום אַנדערן, אויגן קוקן צו אויגן, מיילער רייסן זיך אויף צוזאַמען, אַלע אויף אַ מאָל.

- וואַסער!

- וואַסער!

- וואַסער!..."

און עס איז נאָך נישט דער סוף. דאָס מאָל האָט זיך די באָד פאַרענדיקט מיט וואַסער און נישט מיט קיין ציקלאָן. דער סוף וועט נאָך קומען. ער איז גרייט פאַר יעדן. דערווייל, ביז וואָס ווען, מוז ביים מענטשן צוגערויבט ווערן דער צלם אלהים, מוזן פון אים אַרויסגעקוועטשט ווערן די לעצטע, זאַפטן, מוז ער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ "מוזולמענער". און דעמאָלט וועלן קומען די ווייטערדיקע "עטאַפּן": "בלאָקשפּערע", "אַ מעטש אויפן ציגל-אויוון"... און דעמאָלט וועט קומען דער פאַרצווייפלטער רוף, דער וויי-געשריי:

"לעבן, לעבן! ווער ביסטו? צי האָסטו געהערט צו אַן אויפגייענדיקן זיגמונד פרויד? צו אַן איינשטיין?... זאָג, לעבן! געבונדן אויפן ציגל-אויוון אין אוישוויץ - ווער ביסטו געווען?"

און דעמאָלט וועט קומען די העכסטע דערנידעריקונג, ווען מענטש ווערט פאַרוואַנדלט אין חיה, ווען ער איז גרייט דעם צווייטן דורס צו זיין פאַר... אַ ←

זענאן ניומאַרק

# פּאַראַט*



די באַן האָט פּאַוואָליע זיך דערנענטערט צו דער הויפּט־סטאַנציע. ס׳איז געווען אַן ערך זיבן אין אָוונט און די לופט איז נאָך געווען וואַרעם. איך בין אַראָפּ אויף דעם פּעראָן און זיך אויסגעמישט מיט דעם גרויסן עולם מענטשן, וועלכע זענען געגאַנגען שווייגנדיק, אָבער גיך, צום אַרויסגאַנג. אין דרויסן האָבן מאַסן מענטשן, אַ סך פון זיי טראָגנדיק שווערע וואַליזעט, שנעל זיך פונאַנדערגעשפּרייט אין אַלע זייטן. איך האָב זיך אַרומגעקוקט, וועלנדיק זיך איבערצייגן צי עמיץ קוקט מיר נאָך, ווייל איך האָב געקאָנט אַרויסרופן אַ חשד, טראָגנדיק בלויז אַ טעטשקע, און אָנגעטאָן אין אַ ווינטער־מאַנטל אין מיטן יוני.

אַ פּאַרבייגייער האָט מיר אָנגעוויזן דעם וועג צו מיין אַנדרעס: פּיוס־גאַס 37. אין קנאַפּע צוואַנציק מינוט אַרום האָב איך דערגרייכט מיין ציל. אַ גרוי הויז אין אַ לאַנגער ריי ענלעכע הייזער. דער הויז־וועכטער האָט געקוקט אויף מיר מיט פּאַרדאַכט. לסוף האָט ער מיר געוויזן דעם וועג צום זיבעטן שטאָק: ←

---

שיסעלע זופּ („תּפילה אין אוישוויץ").

„ווייל נישט קיין זופּ ליגט אין דער שיסל, דיין לעבן ליגט דאָרט. דיין לעבן? – מער ווי דיין לעבן. אַ סך מער. איבער דיין לעבן ציטערסטו נישט אַזוי שטאַרק. אין דיין לעבן האָסטו שוין לאַנג פאַרגעסן... אָ, ניין! נישט דאָס ליגט אין דער שיסל. אַפילו קיין זכר פון דעם ליגט נישט דאָרט. דאָרט ליגט עפּעס הייליקערס, עפּעס דערהויבענערט, דאָרט ליגט אַ פּאָרציע זופּ!

אַ גאַנצע פּאָרציע זופּ!"

פּופּצן קאַפּיטלען – פּופּצן עטאַפּן, וואָס פירן פון לעבן צום טויט, צום אוישוויצער טויט. און דעמאָלט קומט אפשר דאָס סאַמע טראַגישסטע קאַפּיטל – דער עפּילאָג – „ווידערגוטמאַכונג". דאָס איז אַ גרויזאַמער „מעמענטאָ מאָרי", אַ באַשולדיקונג קעגן יענע, וואָס נעמען געלט פאַר פאַרברענטע מאַמעס, פאַר די „גאָלדע־לאָקן" פון די געשענדטע און געקוילעמע שוועסטער.

לאָמיר נישט אויפהערן רופן מיט די ווערטער פון ק. צעטניק:

„גיט מיר צוריק כאָטש איין איינציקע האָר פון מיין שוועסטערס גאָלדענע לאָקן! גיט מיר צוריק איין איינצלנעם שוך פון מיין טאַטן;

אַ צעבראָכן שרייפעלע פון מיין קליין ברודערלס ראָוועדל;

און אַ שטויבעלע וואָס האָט גערוט אויף מיין מאַמען.– – –"

"נעם דיווינדע, אינעווייניק פֿאַרפּמאַך די טיר און דריק אָן דאָס קנעפּל מיטן נומער זיבן". שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַלע הויז־וועכטערס אין וואַרשע פֿאַרדעכטיקן יעדן און זיי מיינען, טעותדיק אין מיין פֿאַל, אַז ערשטיקע געסט האָבן קיין מאָל נישט גענוצט קיין ווינדע. עטלעכע מינוט שפּעטער האָב איך, מיט אַ ציטער און האָפֿענונג אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. הגם איך האָב געוווּסט, אַז מיין מומע און יאַנינאַ זענען געווען פֿריינדינס און אַז יאַנינאַס ברודער האָט אַ מאָל געאַרבעט אין אַ האָטעל, וואָס האָט געהערט צו מיינע קרובים, האָב איך זיך געשראָקן. דער זעלבער צווייפֿל וואָס האָט מיך געמאַטערט לעבן די שאָקאָלסקיס הויז, האָט מיך ווידער באַהערשט. ווי וועט זיין אויב יאַנינאַ איז נישט אין דער היים? און אויב זי וועט מיך נישט אַריינלאָזן? ווּ וועל איך גיין ווען באַלד וועט זיין די פּאָליציי־שעה, וואָס הייבט זיך אָן אַ זייגער ניין, נישט קיין גאַנצע שעה שפּעטער? מיינע געדאַנקען האָבן זיך איבערגעריסן ווען די טיר האָט זיך געעפֿנט און אַ שטאַלטנע יונגע פֿרוי, אָן ערך 35 יאָר אַלט, איז געשטאַנען פֿאַר מיר. ווען זי האָט געהערט, אַז איך בין מאַריסיאַס שוועסטער־קינד, האָט יאַנינאַ אויסגערופֿן מיין נאָמען, געעפֿנט ברייט די טיר און מיך אַריינגעבעטן. גלייך האָט זי צוגעגרייט אַ הייסע זופּ מיט ברויט און פּוטער. שוין פֿאַרביי אַ היפּשע צייט זינט אין האָב דאָס לעצטע מאָל געגעסן, האָב איך עס גיך פֿאַרטיק געמאַכט, און נאָך דעם געהאַט אַ צווייטע פּאָרציע און אַ דריטע. ווען איך האָב געענדיקט עסן האָט יאַנינאַ געוואָלט וויסן אַלץ וועגן מיין אַנטלויפֿן פֿון טאָמאַשאָווער אַרבעט־לאַגער און וועגן מיין רייזע קיין וואַרשע. זי איז געווען איידל און גאַסטפֿריינדלעך און אַרויסגעוויזן נאַטירלעכע פֿאַראינטערעסירונג אין מיינע געשיכטעס, בעטנדיק אַלץ מער און מער פּרטים.

יאַנינאַס וווינונג איז געווען באַשיידן: אַ קליין שלאָפֿצימער, אַ קיך, וואָס האָט אויך געדינט ווי דער סאַלאָן, אַן עסצימער און אַ נישע מיט אַ קרומער סטעליע איבער אַ שמאָל בעטל. עס איז אויך געווען אַ וואַשצימער מיט אַ טואַלעט און אַ קראַן מיט קאַלט וואַסער. זי האָט מיך געבעטן צו בלייבן אין דער וווינונג, דערקלערנדיק אַז איך קאָן שלאָפֿן אין דער נישע. אַזוי ווי ביי די שאָקאָלסקיס, איז אויך דאָ נישט געווען קיין רייד וועגן אַוועלכן עס איז אָפּצאָל אָדער ווי לאַנג איך קאָן דאָ זיין. "עס וועט נעמען אַ פּאָר טעג און איך וועל אָרגאַניזירן אַ טרעפֿונג מיט אייער מומע מאַריסיאַ, זי וועט זיין גליקלעך צו זען אייך", האָט זי צוגעגעבן.

שפּעטער, ביי נאַכט, ווען איך בין געלעגן אין בעטל אין דער נישע און געקוקט אויף דער קרומער סטעליע, האָב איך זיך געפֿילט גליקלעך, רויק און ווי אין דער היים. אַלע ספֿקות, וואָס איך האָב געהאַט בלויז מיט עטלעכע שעה פֿריער, זענען ווי אויסגערונען, איצט האָב איך זיך געפֿילט פֿולשטענדיק זיכער און כ'בין געווען דורכגענומען פֿון דער פֿריינדלעכקייט מצד דער באַלעבאָסטע און דער באַקוועמלעכקייט פֿון מיין געלעגער: אַ ריין בעט מיט אַ קישן און אַן איבערבעט; היינט, אַ וואַרעם מאָלצייט דערלאַנגט אויף אַ טיש מיט אַ טישטוך! און אַ וואַשצימער מיט באַקוועמלעכקייטן. וואָס פֿאַר אַ קאָנטראַסט מיט דעם,

וואָס איך האָב געהאַט בלויז עטלעכע טעג פריער, און ווי מזלדיק איך מוז זיין!

מיר האָבן געגעסן דריי מאָל אַ טאָג. די שפּייז איז נישט געווען קיין ספּעציעלע: מערסטנס זופּ, געפּרעגלטע קאַרטאָפל און צייטנווייז אַ שטיקל פּויליש ווורשט. דאָס ברויט איז געווען שוואַרץ און אָן געשמאַק, אָבער פריש, און די קאַווע איז געווען אַ פּליסיקייט מיט אַ בלויזער קאַווע-קאָליר, לאָזנדיק דעם ריח און טעם פאַר איינעמס פאַנטאַזיע. אָבער סיי ווי איז עס פאַר מיר, נאָך די קאַרגע ראַציעס אין לאַגער, געווען וווּנדערלעך, און ס'איז מיר אַלץ געווען ווייניק.

די נאָענטסטע צוויי טעג בין איך אַ סך געשלאָפן, געלייענט די פּוילישע צייטונג "נאָווי קוריער וואַרשאַווסקי" - אַ היטלעריסטיש בלעטל, און געשמועסט מיט יאַנינאַן. איך האָב נישט גערעדט וועגן מיינע פּלענער אויף דער צוקונפט, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין שום פּלענער; איך האָב נישט גערעדט וועגן מיין פאַרגאַנגענהייט, ווייל איך האָב זי נישט געוואָלט דערמאָנען. יאַנינאַ האָט אויך נישט גערעדט וועגן איר פאַרגאַנגענהייט אָדער צוקונפט. אונדזערע שמועסן זענען מערסטנס געווען וועגן קלייניקייטן. ס'האָט אויסגעזען, אַז זי האָט נישט קיין אַרבעט און נישט קיין פריינד, אַפילו שכנים האָבן זיך נישט געוויזן. וואָס שייך מיר, איז עס אַפילו געווען בעסער אַזוי, לכל הפּחות האָט זי נישט געדאַרפט דערקלערן מיין זיין דאָ. צייטנווייז האָט זי מיך געלאָזן אַליין כדי גיין איינקויפן אָדער עפּעס דערליידיקן, אָבער זי האָט זיך אַלע מאָל צוריק געקערט אין אַ קורצער צייט אַרום.

ביים סוף פון צווייטן טאָג האָט יאַנינאַ מיר דערקלערט, אַז צומאָרגנס וועט זי מוזן אַרויסגיין זייער פרי, אָבער זי וועט זיין צוריק אַרום ניין. "איר קאָנט שלאָפן רויק", האָט זי מיר געזאָגט. איך האָב נישט געטראַכט קיין סך דערוועגן יענעם אָוונט און נישט באַגינען, ווען איך בין אויפגעשטאַנען, זיך אָפּגעוואַשן, אָנגעטאָן, געגעסן פרישטיק און זיך איינגעגראָבן אין דער צייטונג. אַרום ניין אַ זייגער איז יאַנינאַ צוריק געקומען, אַזוי ווי זי האָט געהאַט צוגעזאָגט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך דערהערט אַ שאַרף קלאַפּן אין טיר. און נישט לאַנג נאָך דעם איז געווען אַן אַנדער הילכיקער קלאַפּ, און באַלד ווידער איינער, באַגלייט דורך אַ באַפעל אין דייטש: "עפן! פּאָליציי! עפן!"

יאַנינאַ און איך זענען ביידע ווי פאַרשטייפט געוואָרן. מיר האָבן געקוקט אויף איינאַנדער און נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט, איך האָב געפילט ווי דאָס בלוט ווערט פאַרטריקנט אויף מיין פּנים בעת יאַנינאַ האָט געעפנט די טיר און צוויי מענער זענען אַריין מיט אַ טראַסק. ביידע זענען געווען הויכע לייט; איינער איז געווען אַ ציווילער וואָס האָט גערעדט דייטש און פּויליש, דער אַנדערער אַ דייטשישער זשאַנדאַר פון דער שוצפּאָליציי, וועלכער האָט גערעדט בלויז דייטש. דער נאַצי-אָפּצייכן אויף זיין מונדיר איז געווען גוט אָנזעעוודיק, ער האָט אויסגעזען באַזונדערס שטרענג מיט זיין מעטאַלענעם העלם און דעם פּאָליציי-עמבלעם וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען אויף אַ קייטל פון זיין האַלדז, און דעם לאַנגן רעוואָלווער-האַלטער אָנגעהאָנגען אויף זיין רימען. זיי זענען געגאַן גלייך צו מיר: "דאָקומענטן! ווער ביסטו? וואָס טוסטו דאָ? דו ביסט אַ ייִד!" האָט

דער ציווילער געשריגן אויף פויליש.

באַמיענדיק זיך צו האַלטן מיין שטים רויק, האָב איך אים געזאָגט מיין נאָמען און אַז כ׳בין געקומען צו אַ פריינד. איך האָב געלייקנט, אַז כ׳בין אַ ייד, אָבער ער האָט מיר געגעבן אַ זעץ אין פנים און איך האָב אויף אַ רגע פאַרלוירן מיין גלייכגעוויכט. נאָך דעם ווי איך בין געקומען צו זיך האָט ער מיר ווידער דערלאַנגט און געשריגן! ״דו ביסט אַ יידו!״ דאָס מאָל האָב איך דערפילט בלוט אין מיין מויל.

דער ציווילער האָט מיר באַפוילן אויסצוטאָן מיינע מלבושים, נאָר ווען ס׳איז געקומען צו מיין אונטערוועש האָט ער פלוצים מיר געגעבן אַ צייכן איך זאָל זיך אָפּשטעלן. ער האָט באַמערקט דעם באַנדאַזש אַרום מיין לינקער היפּט. גלייך האָט ער באַפוילן איך זאָל עס אויפבינדן און ס׳האָט זיך באַוויזן מיין פאָטערס גאָלדענער זייגער. דער זשאַנדאַר האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, אַ רגע האָט ער באַוווּנדערט די אויסגראַווירטע צייכענונג אויפן דעקל און נאָך דעם אים פאַרשטעקט אין זיין קעשענע. שפּעטער האָט ער באַמערקט דאָס קליינע זעקעלע אויף מיין פּלייצע, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ שטריקל אַרום מיין האַלדז. אינעווייניק האָבן זיי געפונען דאָס פּאַפּיר פון דער פאַבריק אין טאָמאַשאָוו, געסטעמפּלט מיט אַ האַקנקרייץ און געחתמעט ״הער י. קראַמער, לייטער פון דער טישלעריי, אָרג. טאָדט״. עס איז נישט שווער געווען צו דערקענען, אַז דאָס איז אַ פאַלסיפיקאַט און אַז איך בין אַ פּליט. דער זשאַנדאַר האָט דאָס זעקל אויך אַריינגעלייגט אין זיין קעשענע.

זיי האָבן מיך אויסגעפּאַטשט נאָך עטלעכע מאָל ביז עס האָט גענומען רינען בלוט פון מיין נאָז און פון די ליפּן. איצט האָב איך שוין מער נישט געפּרוווט לייקענען. נאָך דעם ווי זיי האָבן אויסגעטוישט עטלעכע זאַצן אין דייטש איז דאָס גליק, וואָס איך האָב געפילט די לעצטע עטלעכע טעג, פאַרשוווּנדן. זיי האָבן מיך אינפאָרמירט, אַז זיי נעמען מיך אין דער אַלטע שוכאַ, דעם זיצאָרט פון דער געסטאַפּאָ, אַ פּלאַץ וואָס איז באַוווּסט געווען מיט זיינע פּייניקונג־קאַמערן און פון דעם, אַז ווער עס פאַלט דאָרט אַריין קומט זעלט אַרויס אַ לעבעדיקער. ״מיר מוזן צוערשט ברענגען אונדזער אויטאָ״, האָבן זיי געזאָגט. ״דו גיי נישט אין ערגעץ. וואַרט דאָ, מיר וועלן זיין צוריק אין אַ שעה אַרום״. זיי האָבן גענומען די שליסלען פון דער וווינונג און מיין ווינטער־מאַנטל און זענען אַוועק, פאַרשליסנדיק די טיר פון דרויסן.

בעת דאָס אַלץ איז געשען האָב איך נישט געזען און געהערט פון יאַנינאַן, אָבער איצט האָב איך זי געזען זיצנדיק ביים טיש אין דער קיך, וויינענדיק אויף מיין גורל און פאַרשטעלנדיק מיט די הענט איר פּנים.

״ווי אַזוי איז דאָס געשען, ווער זענען זיי? ווי אַזוי האָבן זיי זיך דערוווּסט וועגן אייך?״ האָט זי געפרעגט מיט אַ דערשראָקענער שטים, און טרערן זענען גערונען פון אירע אויגן.

ווען יאַנינאַ האָט זיך באַרויקט האָט זי מיר געהאָלפן אָפּרייניקן דאָס בלוט פון מיין פּנים און פונעם דיל. איך האָב זיך גיך אָנגעטאָן. מיינע געדאַנקען האָבן

געיאָגט איינס דאָס צווייטע און עס האָט גענומען נישט מער ווי אַ פּאָר מינוט ביז איך בין געקומען צו אַ באַשלוס: איך וועל באַגיין זעלבסטמאָרד, שפּרינגענדיק פון פענצער. היות מיר זענען געווען אויפן זיבעטן שטאָק וועט עס נישט זיין שווער, איך דאַרף זיך נאָר אָננעמען מיט מוט. דאָס בילד פון אַ צעקנאָדערטן גוף, ליגנדיק אין אַ טייך בלוט אויפן ברוק פונעם הויף, איז מיר געקומען פאַר די אויגן. און באַלד האָב איך געטראַכט וועגן די פּייניקונג־קאַמערן אין אַלעע־שוכאַ. פאַרוואָס זיך לאָזן פּייניקן און נאָך דעם שטאַרבן? שוין בעסער שפּרינגען.

איך האָב צוגעשטעלט אַ שטול צום פענצטער און אַרויפגעקראָכן אויף דעם. יאַנינאַ האָט פאַרשטאַנען וואָס איך גיי טאָן און זי איז צוגעלאָפן צו מיר, אָנגעכאַפּט מיך מיטביידע הענט און געשריגן, ווי זי וואָלט זיך אויסגעריסן די לונגען: "ניין, ניין, ניין! טוט עס נישט!" זי איז אַריינגעפאַלן אין היסטעריע, געשריגן און געוויינט. אויב זי האָט געזאָגט עפּעס וואָס איז עס שווער געווען צו פאַרשטיין. איך האָב געפילט ווי אירע הענט האָבן אָנגעכאַפּט מיינע הויזן און געשלעפּט זיי מיט אַ קראַפט וואָס איז נישט געווען צו גלייבן אויף אַזאַ קליינער פרוי, ביז זי האָט מיך אַראָפּגעשלעפּט אויפן דיל. ביסלעכווייז האָט זי זיך באַרויקט, איבערריייסנדיק די שטילקייט מיט אָפּגעהאַקטע אויסרופן: "אָ, גאָט מיינער! אָ, גאָט מיינער!"

יאַנינאַ האָט דערקלערט, אַז זי האָט פאַר מיר אַ פּלאַן, זי ווייסט ווי אַזוי צו עפענען די פאַרשלאָסענע טיר און זי האָט מיך צוגערעדט צו אַנטלויפן. זי האָט געזאָגט, אַז איך קאָן זיך פאַרהאַלטן ביי איר ברודער זיגמונט, וועלכער האָט געאַרבעט אינעם האָטעל פון מיין קרוב פאַר דער מלחמה. זי האָט גיך אָנגעשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר דעם אַדרעס און עס אַריינגעשטופּט אין מיין האַנט. איך האָב נישט געזאָגט קיין וואָרט. איך בין געווען ווי צעמישט. איך האָב געוווּנסט, אַז מיין לעבן איז איינגעשטעלט אינעם כסדרדיקן געלויף און אַז דער סוף קאָן קומען יעדע מינוט. נאָר איך האָב זיך נישט געריכט דערויף אַזוי גיך.

אין צווישנצייט האָט יאַנינאַ געעפנט די טיר און זי האָט מיך געאײַלט איך זאָל אַרויסגיין.

"זיי קאָנען קומען פריער ווי אין אַ שעה אַרום. איר מוזט עס מאַכן שנעלער!" האָט זי מיך געוואָרנט.

איך האָב נישט געקאָנט צוזאַמענעמען מיינע געדאַנקען. איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, האָב איך אויסגעפירט איר פּלאַן. איך האָב אָנגעטאָן די מאַרינאַרקע אַריינגעשטופּט מיין גאַנץ פאַרמעגן אין דער טעקע און מיט אַ קורצן "דאַנק" און "זיי געזונט" בין איך אַוועק. צום גליק האָבן די צוויי דייטשן נישט באַמערקט, אַז אין צווייטן צימער איז געהאָנגען מיין מאַרינאַרקע, אין וועלכער איך האָב געהאַט מיין אַרבעט־קאַרטע אויפן נאָמען פון מאַכאָוויאַק און מיין געלט, עטלעכע הונדערט זלאָטעט.

ווען איך בין פאַרביי געגאַנגען דעם הויז־וועכטערס פענצטער, האָט ער געקוקט אויף מיר מיט נאָך מער חשד ווי פריער, ווען איך בין אַריין געקומען. אַרויס אין גאַס, האָב איך זיך אויסגעמישט מיט דעם עולם און אַוועק צו דער

ערשטער טראַמוויי־סטאַנציע. איך בין אַריין אין ערשטן וואַגאָן וואָס איז אָנגעקומען, נישט וויסנדיק אַפילו צי ער גייט אין דער געהעריקער ריכטונג. די פריערדיקע איבערלעבונג האָט צעטרייסלט מיין קויב דעראָבערט געפיל פון פרייהייט און האָפענונג. איצט האָב איך געטראַכט, וואָס עס קאָן געשען מיט יאַנינאַן ווען די דייטשן וועלן צוריק קומען און זען, אַז איך בין נישטאָ, יעדער האָט געוווּסט, אַז פּאָליאַקן וועלכע העלפן יידן אַנטלויפן אָדער באַהאַלטן זיי אין זייער הויז, ווערן שטרענג באַשטראָפט. איך בין אָבער געווען צו פיל צעטראָגן כ'זאָל קאָנען טראַכטן ראַציאָנעל. אַלץ וואָס איך האָב געקאָנט טאָן איז טראַכטן צי איך וועל געפינען אַ זיכערע באַהעלטעניש ביי זיגמונטן. ערשט ווען איך בין אָנגעקומען אויף דעם באַשימטן אַדרעס האָב איך באַנומען ווי מזלדיק איך בין געווען צו בלייבן לעבן. איך האָב געוווּנען, זאָל זיין אויף אַ ווייל, אַ ניי לעבנס־קוויטל.

זיגמונט, זיין ווייב און די יונגע פּלימעניצע, וועלכע איז געווען ביי זיי, האָבן מיך אויפגענומען פּונקט אַזוי וואַרעם ווי יאַנינאַ מיט דריי טעג פריער. איך האָב געהאַט באַגעגנט זיגמונטן עטלעכע מאָל אין אָנהייב פון דער מלחמה, בעת ער פלעגט פונאַנדערטראָגן פּעקלעך מיט בריוו צווישן אונדזערע קרובים אין טאָמאַשאָוו און וואַרשע. ער איז געווען הויך און דיקלעך, זיין ווייב – נידעריק און שיין.ביידע זענען זיי געווען אַן ערך צו פערציק יאָר אַלט.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און זיגמונט האָט אַראָפּגעשיקט זיין פּלימעניצע אין געוועלב צו קויפן אַ פלאַש בראָנפן כדי ווי געהעריק פייערן מיין מצליחדיק אַנטלויפן פון לאַגער און מיין זיין איצט אין וואַרשע צווישן פריינד.

”וואָס פאַר אַ פיינע געשיכטע! זאָל זיין צום געזונט!” האָט זיגמונט אויסגערופן, אויפהייבנדיק אַ גלאָז וואָדקאַ ”נאָך איין טרונק פאַר מזל אין דער צוקונפט!”

מיר האָבן אויסגעטרונקען נאָך עטלעכע גלעזלעך. זיי האָבן נישט געקאָנט אַרויסווייזן מער גליק פאַר מיר און, ווי מיט יאַנינאַן, האָב איך זיך געפילט אין דער היים. בעת מיר האָבן אַראָפּגעלאָזט איין גלאָז נאָך דעם צווייטן, אָנקלאַפנדיק די גלעזער לויט דער פּוילישער טראַדיציע, – האָב איך דערציילט וועגן מיין אַנטלויפן פון די געסטאַפּאָ־לייט אין יאַנינאַס וווינונג. זיגמונט און זיין ווייב האָבן זיך שטאַרק געוווּנדערט.

”ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען?” האָט ער געפרעגט. ”צי זאָל דער הויז־וועכטער דיך האָבן אַרויסגעגעבן? צי האָט עמיצער דיר נאָכגעפאָלגט פונעם וואָקזאַל?”

ביידע האָבן זיי נישט אויפגעהערט זיך נאָכפרעגן וואָס עס איז געשען, אָבער זיי האָבן לחלוטין זיך נישט געזאָרט וועגן גורל פון יאַנינאַן, הגם זי האָט געקאָנט זיין אין אַן ערנסטער געפאַר צוליב דעם וואָס זי האָט מיר געהאָלפן. און היות זיי האָבן זיך נישט געזאָרגט וועגן יאַנינאַן, האָב איך זיך אויך נישט געזאָרגט.

”לאָרמיר זיין רויק” – האָט זיגמונט געזאָגט, אָנגיסנדיק נאָך אַ גלעזל. ”איר זייט מיט אונדז און אַלץ איז פיין. איר קאָנט זיין ביי אונדז ביז איר וועט געפינען אַ בעסער אָרט, און זונטיק וועט איר זיך טרעפן מיט אייער מומע מאַריסיאַ. מיר ווייסן ווי אַזוי זיך צו פאַרבינדן מיט איר.

אין די נאָענטסטע צוויי טעג האָבן אונדזערע שמועסן זיך קאָנצענטרירט אַרום דער מומע מאַריסיאַ, מיין מזל וואָס איך בין געבליבן לעבן, און די נייעסן וועגן די דייטשישע מפּלות אין רוסלאַנד. מיך האָט געוווּנדערט וואָס מען האָט מער נישט דערמאָנט וועגן יאַנינאַן.

...איך האָב פאַרבראַכט צוויי נעכט מיט זיגמונטן און זיין משפּחה. די דירה איז געווען זייער נישט באַקוועם: זי איז געווען אַ סך קלענער ווי יאַנינאַס דירה, און מיר זענען דאָ געווען זאַלבע פיר. עס איז געווען בלויז איין בעט, אַזוי אַז די פלימעניצע און איך זענען געשלאָפן אויפן דיל. כדי צו מאַכן פּלאַץ האָט דער טיש געמוזט אָוועקגערוקט ווערן אין אַ זייט.

...דעם צווייטן טאָג נאָכמיטאָג בין איך אַרויס געגאַנגען, זאָגנדיק מיינע גאַסטגעבער, אַז איך גיי זוכן אַרבעט. פאַקטיש בין איך געגאַנגען אויפזוכן קובאַ רייזמאַנען, וועמענס אַדרעס איך האָב באַקומען פון אַ פרוי אין טאָמאַטאָוו. קובאַן האָב איך געפונען אָן שום שוועריקייטן; ער האָט געאַרבעט אין אַ וועשעריי נישט ווייט פון זיגמונטס וווינונג. מיר זענען אַרויס אויף אַ שפּאַציר און איך האָב אים דערציילט וועגן מיין אַנטלויפן פון דער געסטאַפּאָ. נאָר צום אונטערשייד פון זיגמונטן און זיין ווייב, האָט קובאַ לחלוטין זיך נישט געוווּנדערט. "דאָס איז דאָס ערשטע, אָבער נישט דאָס לעצטער מאָל. מיר זענען אַלע געווען אין ענלעכע סיטואַציעס" - האָט ער געזאָגט. ער האָט גלייך געהאַט אַ חשד, אַז די וואָס האָבן אינפאָרמירט וועגן מיר זענען נישט געווען קיין דייטשן, נאָר פּוילישע שאַנטאַזשיסטן, וועלכע אַרבעטן צוזאַמען מיט אונטערגעקויפטע דייטשישע פּאָליציאַנטן.

אויס פאָרזיכטיקייט האָט קובאַ מיך צוגערעדט איך זאָל פאַרלאָזן זיגמונטס הויז אַזוי שנעל ווי מעגלעך, הגם איך האָב סיי ווי שוין געהאַט באַשלאָסן נישט אומצוקערן זיך אַהינצו. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו העלפן געפינען אַ נײַ וווינאָרט און מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן צומאָרגנס. אין צווישנצייט האָב איך געדאַרפט אויסזוכן אַ צייטווייליק אָרט איבערצונעכטיקן. נישט געקוקט דערויף וואָס אין טאָמאַשאָוו זענען מיר געווען בלויז באַקאַנטע - ער איז געווען עטלעכע יאָר עלטער פון מיר און געהאַט אַן אַנדערן קרייז פריינד - האָט קובאַ מיר שטאַרק אַרויסגעהאָלפן, און איך בין אים געווען דאַנקבאַר פאַר דער אונטערשטיצונג, באַזונדערס ווייל איך האָב נישט געהאַט צו וועמען אַנדעש זיך צו ווענדן.

געפינען אַן אָרט זיך צו פאַרהאַלטן אין וואַרשע, בעת דער מלחמה, איז געווען שווער פאַר יעדן ניי־געקומענעם, ווער שמועסט נאָך פאַר אַזאַ פּליט ווי איך. פון דעסטוועגן האָב איך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זיגמונטס וווינונג ביי דער ערשטער געלעגנהייט, אַפילו איידער נאָך איך וועל געפינען אַ נייע דירה. נאָך מיין שמועס מיט קובאַן האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז עס איז נישט לאָגיש אָדער זיכער צו בלייבן דאָרט. דעם זעלבן נאָכמיטאָג, לאָזנדיק דאָרט מיין טעקע מיט מיינע זאַכן, האָב איך זיי געזאָגט, אַז כ׳וועל נישט קומען נעכטיקן, און בין אַרויס.

נאָכן פאַרלאָזן זיגמונטס וווינונג בין איך געווען היימלאָז, נישט האָבנדיק קיין אָרט צו שלאָפן, אַרומוואַשן זיך אָדער דערליידיקן דעם פּערזענלעכן געברויך.

יעדער טאָג און נאַכט איז געווען אַן אָפּקומעניש צו וועלכער איך בין לחלוטין נישט געווען צוגעגרייט. צום גליק האָב איך נישט באַנומען ווי געפערלעך עס איז געווען אַרומצוואַנדערן אַ גאַנצן טאָג אין שטאָט, אָן אַ היים־אַדרעס אָדער געהעריקע דאָקומענטן. באַזונדערס געפערלעך איז געווען נישט צו האָבן קיין אַרבעט־קאַרטע אָדער אַ פּערזענלעכן דאָקומענט.

דעם ערשטן אָוונט האָב איך זיך געפונען אין צענטער פון דער אַלטשטאָט, זוכנדיק אַן אָרט איבערצונעכטיקן, אָבער גאַר גיך האָב איך אויסגעפונען, אַז עס זענען נישטאָ קיין צימערן צו פאַרדינגען, און אויב עס זענען דאָ, זענען זיי נישט פאַר מיין קעשענע. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי פאַרביי גייער, נאָר זיי האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף מיר, אָדער געהויבן מיט די אַקסלען און דערקלערט, אַז זיי ווייסן נישט. דער אָוונט איז געוואָרן טונקעלער. און טונקעלער, די פּאָליציי־שעה האָט זיך גיך דערנענטערט, און איך האָב נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין אָרט איבערצונעכטיקן. די גאַס האָט זיך גענומען אויסליידיקן און איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק. איך בין צוגעקומען נאָענט צו דער ווייסל, אַ גאַנץ אָרעמע געגנט, ווען עמיץ האָט מיר אָנגעוויזן אַ קליין שמיציק הייזל. היות עס איז שוין געווען בלויז עטלעכע מינוט ערב דער פּאָליציי־שעה, האָב איך נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי אַריין גיין אַהינצו. די דירה איז באַשטאַנען פון איין גרויס האַלב פינצטער צימער מיט זעקס אָדער זיבן בעטן, אויסגעשטאַט מיט שטרויזעק. אַלע בעטן זענען שוין געווען פאַרנומען, חוץ איינעם.

ווען איך בין אַריין האָט אַ נידעריקע דיקע פרוי גענומען מיינע פערציק זלאָטעס (אַן ערך צוויי דאָלאַר) און אָנגעוויזן מיר מיין בעט. "איר זייט אַליין?" האָט זי געפרעגט אַ פאַרוואונדערטע, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַוועק. אין דער פרי, ווען ס'איז געוואָרן ליכטיק, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז כ'האָב גענעכטיקט אין אַ שאַנדהויז. אין משך פון טאָג זענען די בעטן פאַרדונגען געוואָרן אַ סך ביליגער, אָבער בלויז אויף אַ שעה.

יענעם באַגינען, נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן ביז מיין באַגעגעניש מיט קובאַן האָב איך באַשלאָסן צו פאַרברענגען אַ שטיקל צייט אין זאַקסישן גאָרטן. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און געלייענט אַ צייטונג ווען צוויי דייטשישע זשאַנדאַרן האָבן זיך דערנענטערט. איך האָב ווייטער געלייענט ביז זיי זענען פאַרביי. דערמאָלט האָב איך אויפגעהויבן די אויגן כדי זיך איבערצייגן צי זיי זענען אַוועק. זיי זענען נישט אַוועק. זיי זענען געשטאַנען אַן ערך 50 יאַרד ווייטער און מיך אָבסערווירט. ווען זיי האָבן געזען, אַן איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָבן זיי גלייך זיך געלאָזן אין מיין ריכטונג.

"דאָקומענטן", האָבן די זשאַנדאַרן פאַראָרדנט הויך אויפן קול, בעת זיי זענען צוגעקומען. איך האָב רויק אַרויסגענומען מיין אַרבעט־קאַרטע און זיי האָבן זי גענוי באַקוקט.

"וואָס טוסטו אין וואַרשע אויב דו אַרבעטסט אין טאָמאַשאָוו?" האָט איינער געפרעגט. מיט אַ געמאַכטער רויקייט האָב איך אַרויסגענומען מיין סערטיפיקאַט, וואָס איז געווען געסטעמפּלט מיט אַ האַפנקרייץ. דאָרט איז געווען געשריבן, אַז

איך בין אויף וואַקאַציע, און געחתמעט דורכן לייטער פון דער טישלערייִ הער י. קראַמער. זיי האָבן מיר צוריק געגעבן מיינע דאָקומענטן און זענען אַוועק. דאָס מאָל האָב איך נישט געפּרוווט קוקן וווהין זיי זענען געגאַנגען, און כ׳האָב מער נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. יעדער בליק אויף צוריק אָדער אין אַ זייט האָט דיך גלייך געקאָנט אויסגעבן. אַזוי האָבן געהאַנדלט איבערגעשראָקענע און פאַרפּאָלגטע, אַזעלכע וואָס האָבן עפּעס צו באַהאַלטן. אַזעלכע באַוועגונגען זענען גוט באַקאַנט געווען די דייטשישע פּאָליציאַנטן און פּוילישע שאַנטאַזשיסטן, און דערפאַר זענען די זשאַנדאַרן צוריק געקומען כּדי צו קאָנטראָלירן מיינע פּאַפּירן. נישטאָ קיין ספק. אַז די דאָקומענטן, וועלכע איגנאַץ און איך האָבן מיט אַזוי פיל מי אויסגעאַרבעט אין לאַגער, האָבן מיך דערהאַלטן ביים לעבן.

* * *

...איך בין געגאַנגען מיט מאַריסיאַן אין ריטעם מיט די אַנדערע זונטיק־שפּאַצירער. מיר האָבן אין קורצן באַרירט פאַרשיידענע ענינים: דאָס לעבן אין וואַרשע, קרובים, די אַלגעמיינע געזעצן פונעם לעבן אויף דער אַרישער זייט. מאַריסיאַס אייגענע לאַגע ווי אַ קריסטן מיט פאַלשע אידענטיטעט־פּאַפּירן, אַרבעטנדיק אין אַ בעט־און־פרישטיק אכסניה, וואָס האָט באַדינט קרובים פון דייטשישע אָפיצירן, וועלכע האָבן סטאַציאָנירט אין וואַרשע, האָט אויסגעזען צו זיין געזיכערט.

איך האָב איר גערן דערציילט וועגן מיינע איבערלעבונגען אין די לעצטע עטלעכע טעג, וואָס האָבן שיער נישט פאַרענדיקט זיך טראַגיש. זי איז נישט געווען איבעראַשט, היות זי האָט שוין געוווסט, וואָס עס איז געשען מיט מיר אין יאַנינאַס ווױנונג. זיגמונט האָט איר דערציילט וועגן דעם בעת ער האָט אַראַנזשירט אונדזער באַגעגעניש. און דעמאָלט איז געקומען מיין גרויסע איבעראַשונג: מאַריסיאַ האָט מיר דערקלערט, אַז די צוויי דייטשן זענען געווען אַפּעריסטן, אַז זיי האָבן געהערט צו אַ באַנדע שאַנטאַזשיסטן, און די פּאַקטישע שולדיקע אין מיינע צרות זענען געווען נישט קיין אַנדערע, ווי יאַנינאַ און זיגמונט!

---

Zenon Neumark: *Hiding in the Open*- A young fugitive in Nazi-occupied Poland. Published by Valentine Michel, London-Portland, OR. 2006

*זענאָן ניומאַרק, דער מחבר פונעם בוך "אַ באַהאַלטענער אין דרויסן" (אַרויס אין פּאָריקן יאָר, 216 זז׳) לעבט איצט אין לאָס־אַנדזשעלעס. אַ געבוירענער אין אַ יידישער אַסימילירטער משפּחה אין לאָדזש (פּוילן), האָט ער דורכגעמאַכט די חורבן־יאָרן מערסטנס אויף דער א"ג "אַרישער זייט", אין דרויסן פון געטאָ. געהאָלפן דערצו האָט אים זיין "גוטער אויסזען", ד"ה אַז ער האָט לייכט געקאָנט אָנגיין פאַר אַ פּאָליאַק. אָבער דער אויסזען אַליין איז נישט גענוג געווען כּדי אַ ייד זאָל לעבן בלייבן אין יענער גרוויליקער צייט. דער מחבר דערציילט וועגן זיין אַנטלויפן פון אַ היטלערישן אַרבעט־לאַגער אין טאָמאַשאָוו, און זיינע שווערע איבערלעבונגען אין וואַרשע, ווו ער איז פאַראַטן געוואָרן דורך כלומרשטע פריינד און באַקומען הילף פון אומבאַקאַנטע מענטשן. ער באַטייליקט* ←

אהרן שפּיראָ / קרית ביאַליק

# אין יענע גרויזאַמע טעג

די געשיכטע פון יידישן פאָלק, מיטן אויסנאַם פון קורצע רעלאַטיוו־רויקע תקופות, איז דורכגעווייקט מיט בלוט און מיט טרערן; מיט פאַרפאָלגונגען, פּאָגראָמען און שחיטות. ס'איז נישטאָ נאָך אַ פאָלק וועמענס געשיכטע זאָל זיין באַגלייט מיט אַזוי פיל דראַמאַטישע און גורלדיקע תקופות ווי דאָס יידישע. וועלכעס פאָלק איז באַזונגען געוואָרן פון אירע טרובאַטורן מיט אַזוי פיל עלעגיע, ווי דאָס יידישע?

די געשיכטע האָט זיך מיט אונדז קיין מאָל נישט געצערטלט. אָבער יעדעס מאָל ווען ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַן אומגליק אויפן יידן, פלעגט אין דער גרויזאַמער פינצטערניש זיך באַווייזן אַ שטראַל פון רעטונג און דאָס פאָלק פלעגט ניצול ווערן. ביז ס'איז צו אונדזער גרעסטן בראָך אויפגעשטאַנען אין דייטשלאַנד אַ מאָנסטער־באַנדע מיטן נאָמען נאַציס, און האָט פאַרסמט די מענטשהייט מיט ראַסן־גיפט, דערקלערנדיק, אַז יידן זענען אַ מינדערווערטיקע ראַסע וואָס מען מוז פאַרניכטן, און האָבן פאַרמשפּט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אויף אומקום.

דער דיכטער אברהם סוצקעווער שרייבט אין זיין בוך פּראָזע, "פון ווילנער געטאָ":

"אין ווילנער געטאָ האָט אַ ייד, קאָמערמאַכער, וואָס איז געווען באַשטימט אַלס עלטסטער איבער צוואַנגס־אַרבעטער אויפן הויף פון ווילנער געסטאַפּאָ מיר דערציילט, אַז ס'האָט זיך אים איינגעגעבן אַריינצוקוקן אין נאַצישן קאָדעקס־בוך, און אָט וואָס ער האָט דאָרט געליינעט:

1) סתם דערשיסן אַ ייד הייסט נישט אויספירן דעם באַפעל פון הימלערן, אַ ייד מוז פריער ווערן געפייניקט.

2) ס'איז נישט דווקא געזאָגט געוואָרן, אַז די עקזעקוציעס דאַרפן אויספירן דייטשן. פאַרקערט. ס'איז געווונטשן, אַז אַ דייטש זאָל בלויז זיין דער באַפעלגעבער, דאָס עצם אויסראָטן מעגן אויספירן אַנדערע.

3) די פּראָצעדור פון טויטן דאַרף מען דורכפירן געהיים. קיינער טאָר זיך נישט דערוויסן דאָס אָרט פון דער עקזעקוציע כדי די, וואָס זענען איבערגעבליבן זאָלן נישט אַנטלויפן".

טריי די באַפעלן פון הימלערן, ווי זיי וואָלטן געקומען פון גאָט אַליין, האָבן די נאַציס פרום אויסגעפירט די באַפעלן פונעם טייוול. זיי האָבן פאַרטיליקט די יידן סיסטעמאַטיש מיט דער הילף פון קאָלאַבאָראַנטן, יודנראַטן און יידישע ←

---

*זיך אין ווידערשטאַנד קעגן די דייטשן, פאַלט ווידער אַריין אין אַ לאַגער און ווערט לסוף באַפרייט אין ווין (עסטרייך) דורך דער רויטער אַרמיי. מיר ברענגען אַ קליינעם פראַגמענט פונעם בוך מיט דער דערלויבעניש פון מחבר.*

פּאָליציאַנטן, און פאַרן דערהרגענען האָבן זיי זיך בעסטיאַליש איזדעקעוועט איבער די אומגליקלעכע קרבנות מיט אַלערליי פּיינען, וואָס אַ מענטשלעכער מוח קען אויסטראַכטן.

די ערשטע שריט צו דערמעגלעכן דאָס פאַרטיליקן די יידן האָבן די נאַציס אָנגעהויבן גלייך מיטן אָקופּירן פּוילן. זיי האָבן אַריינגעטריבן די יידן אין ענגע געטאָס און זיי נישט דערלויבט אַרבעטן אָדער האַנדלען כדי צו פאַרדינען אויפן לעבן. דערצו האָבן די נאַציס פאַרבאָטן די יידן איינצושאַפן שפּייז פון דער אַרישער זייט. אין רעזולטאַט זענען צענדליקער טויזנטער, אַ מאָל געוועזענע איינגעפונדעוועטע באַלעבאַטים, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בעטלערס. צעבראָכענע און געשוואָלענע פון הונגער; קראַנקע אויף כלערליי עפּידעמישע קראַנקהייטן האָבן זיי זיך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן פון געטאָ, בעטנדיק מען זאָל זיי שענקען אַ שטיקעלע ברויט. זיי האָבן זיך אַרומגעשלעפּט אַזוי לאַנג, ביז זיי זענען געפאַלן אויפן ברוק און אויסגעהויכט די נשמות... די גאַסן אין געטאָ זענען געוואָרן באַלייגט מיט טויטע. טויזנטער טויטע קערפּערס מיט גרויסע אָפענע, פאַרגלאָצטע אויגן פון הונגער האָבן פאַרפּילט די טראָטוארן פונעם געטאָ.

דערדריקטע און דערנידעריקטע; אויסגעפּייניקטע פון הונגער, שמוץ און כלערליי קראַנקהייטן; באַהערשטע פון ייאוש און אַפּאַטיע אין משך פון דריי בלוטיקע אָקופּאַציע־יאָרן, איז ביי די מענטשן אָפּגענומען געוואָרן דער לוסט צום לעבן. זיי זענען געוואָרן אומפּעיק צו באַנעמען דעם גרויל פונעם מצב אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען און האָבן הונדערט מאָל אין טאָג געבעטן איף זיך דעם טויט. די נאַציס האָבן דערגרייכט זייער טייוולאָנישן ציל. די אויסגעפּייניקטע יידן זענען געוואָרן צייטיק צום פאַרטיליקן.

אויסגערעכנט ביז די סאַמע קלענסטע איינצלהייטן, באַזירט אויף וויסנשאַפטלעכע יסודות און אויף אַ גענויער דורכדרינגלעכער פאַרשטענדעניש פון שטימונגען און פּסיכיק פון דורכשניטלעכע מענטשן און זייערע לעבנס־אינסטינקטן, מיט דער הילף פונעם יודנראַט, וואָס האָט מסכים געווען דורכצופירן די אויסזידלונגען, וויסנדיק וואָס זיי באַדייטן; צוזאַמען מיט די פאַרעטערישע יידישע פּאָליציי וואָס האָבן געגלייבט, אַז מיט העלפן די אַקציעס פון דער יידן־פאַרניכטונג, וועלן זיי ראַטעווען זייערע אייגענע לעבנס, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן, דעם 22טן יולי 1942, דעם גירוש פון דער וואַרשעווער האַלב־מיליאָניקער יידישער באַפעלקערונג קיין טרעבלינקע אויף מאַסן פאַרטיליקונג.

דער באַוווסטער פאַרמלחמהדיקער יידישער שרייבער יהושע פּערלע, וואָס איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ, האָט פאַרשריבן אין אַ טאָגבוך דעם גאַנצן גרויל פון ליקווידירן דעם געטאָ. דאָס טאָגבוך איז געפינען געוואָרן צוזאַמען מיט עמנואל רינגעלבלומס אַרכיוו און איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין "פּנקס וואַרשע", (אַרויסגעגעבן אין בוענאָס־איירעס 1955, זז' 1069-1104). אונטערן קעפּל "חורבן וואַרשע" לייענען מיר צווישן אַנדערע:

"נישט געקוקט אויף דער אַפּאַטיע און גלייכגילטיקייט צום לעבן, וואָס האָט באַהערשט די יידן אין געטאָ, זענען געווען צווישן די אומגליקלעכע אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט נעמען צום טויט. זיי האָבן זיך געווערט, געשריגן, אַנטלאָפן, באַהאַלטן, דעמאָלט האָבן די יידישע פּאָליציי, וואָס זענען באַשטאַנען פון האַלבע און גאַנצע משומדים, פון נישט דערפאַרענע אַדוואָקאַטלעך, פון רייכע סוחרישע זינדלעך און פון דער אַמאָליקער אַזוי גערופענער "גאָלדענער יוגנט", געוויזן וואָס זיי קענען. מיט גומענע שטעקנס און מיט סתם שטעקנס האָבן זיי געשלאָגן די אומגליקלעכע מכת רצח. זיי האָבן אַוועקגעריסן די קינדער פון די מאַמעס, די מענער פון די פרויען, די טאַטעס פון די זין. די געשרייען מיט די יללות זענען געגאַנגען עד לב השמים... אָבער די יידישע פּאָליציי - ימח שמם וזיכרם - האָבן נישט אויפגעהערט צו שלאָגן, צו ממתן. זיי האָבן אַרויפגעפּאַקט די מענטשן אויף וועגענער און אַוועקגעפירט צום באַרימטן אומשלאַגפּלאַץ". און פּערלע גיט צו: "אין אַזעלכע וועגענער פירט מען פאַרמשפּטע צו דער תליה".

צו שילדערן רשעות און פּיין האָבן מענטשן אויסגעטראַכט אין זייערע פאַנטאַזיעס שדים, טייוולאָנים און פאַרשיידענע בייזע רוחות. אַז אַ ילוד־אשה זאָל אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גיפטיקער היענע און זיך איזדעקעווען איבער שוצלאָזע מוטערס און פּיצלעך קינדער און זיי דערהרגענען מיט טויזנטער מיתות־משונות, איז קיין שום נאָרמאַלער מענטשלעכער מוח נישט געווען מסוגל אויסצוטראַכטן.

נח גריס, דער געוועזענער וויסנשאַפטס־סעקרעטאַר ביי דער "צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן" אין די יאָרן 1944-45, האָט אין זיין בוך: "קינדער־מאַרטירעלאָגיע" צונויפגעזאַמלט דאָקומענטן, זכרונות און דערציילונגען, און אָט וואָס ער שרייבט:

"אויף צו דערהרגענען קליינע קינדער איז די דייטשן געווען אַ שאָד אפילו אַ קויל צום דערשיסן, האָבן זיי באַגראָבן קינדער לעבעדיקערהייט, געוואָרפן צו ווילדע חיות אין צירק, צעריסן מיט די הענט, צעשמעטערט אָן מויערן, געשפּאָלטן קעפּלעך מיט העק, געטויט מיט כלערליי מיתות משונות, וואָס לעכערט דעם קאָפּ און עקבערט דעם מוח".

אינעם יאָרצייט פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד פאַרלאַנגט זיך צו דערמאָנען צוויי פון די גרויליקסטע עפּיזאָדן אין דער ליקווידאַציע פונעם געטאָ:

איין עפּיזאָד איז דאָס אַרויסרייסן דורך די געסטאַפּאָ־מערדער די קינדער פון ד"ר יאַנוש קאָרטשאַקס יתומים־הויז.

ס'שרייבט יהושע פּערלע:

"ווען די היטלערישע קינדער־מערדער זענען מיט אַ ווילד געשריי אַריין אין יתומים־הויז, זענען צוויי הונדערט שפּראָצנדיקע לעבנס געשטאַנען אין טויט־שרעק, אַז אָט שיסט מען זיי אויס ביז איינעם. און ס'איז עפּעס אַ וואונדערלעכע זאַך: די צוויי הונדערט קינדער האָבן נישט געשריגן, די צום טויט־פאַרמשפּטע צוויי הונדערט אומשילדיקע נפשות האָבן נישט געוויינט. קיינער פון זיי איז נישט

אַנטלאָפן. קיינס פון זיי האָט זיך נישט באַהאַלטן. זיי האָבן זיך בלויז געטוילעט. ווי קראַנקע שוואַלבן צו זייער לערער און דערציער, צו זייער טאַטן און ברודער, צו יאַנוש קאָרטשאַקן, ער זאָל זיי היטן און שיצן.

יאַנוש קאָרטשאַק אין אַ הוט, אַרומגענומען מיט אַ לעדערנעם גאַרטל, אין שטיול, אַן איינגעבויגענער, האַלט אַ קינד ביי דער האַנט און גייט פאָרויס. עס גייען אויך עטלעכע קראַנקן־שוועסטער אין ווייסע פאַרטעכער און נאָך זיי צוויי הונדערט פריש־געצוואָגענע קינדער, וואָס ווערן געפירט צו דער עקדה, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט דייטשישע, אוקראַינישע און יידישע פאָליציאַנטן.

ווען די יידישע קהילה־לייט זענען דערפון געוואָר געוואָרן, האָבן זיי געוואָלט ראַטעווען... נישט די צוויי הונדערט קינדער, נאָר קאָרטשאַקן. דער דאָזיקער גרויסער, איידעלער מאַן האָט שיין באַדאַנקט די קהילה־לייט און איז מיטגעגאַנגען מיט זיינע קינדער צום אומשלאַג־פּלאַץ. די שטיינער פון ברוק האָבן געוויינט זעענדיק די פּראָצעסיע. בלויז די היטלערישע רוצחים האָבן געטריבן מיט בייטשן און יעדע פּאָר מינוט געשאָסן".

דער אַנדערער גרויזאַמער עפּיזאָד, אין יענע פינצטערע טעג, איז געווען דאָס אכזריותדיקע אַרויסרייסן די קראַנקע קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע צוזאַמען מיט די קראַנקן־שוועסטערס און זייערע דערציערס, און זיי אַלעמען אַוועקשלעפּן קיין טרעבלינקע צום טויט.

אין בוך "פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ" דערציילט דער מחבר, בערנאַרד גאָלדשטיין:

"אין אַ שיינעם זומער־פרימאָרגן, אין מיטן אויגוסט (1942), ווען די קינדערלעך זענען נאָך געלעגן אין די בעטלעך און געחלומט קינדערישע, זיסע חלומות, נישט טראַכטנדיק פון אַרומיקן טויט־קאָשמאַר, זענען די בנינים פון דער סאַנאַטאָריע אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די רוצחישע באַנדעס פון דער פאַרניכטונגס־קאָמאַנדע באַוואָפנטע מיט כלערליי טויט־געצייג. ס'איז געפאַלן אַ באַפעל: אַלע וואָס געפינען זיך אין דער סאַנאַטאָריע זאָלן אַרויס אויפן הויף. ס'איז אויסגעבראָכן אַ מוראדיק געוויין. די קינדערלעך האָבן זיך געקלאַמערט אָן די בעטן, פענצטער, טירן, טישן; געביסן די הענט פון זייערע מערדער, געוועדט זיך. זיך נישט געלאָזט נעמען.

די חברטע ראָזע אייכנער מיט די אַנדערע חברים האָבן געטרייסט די קינדערלעך, באַרויקט, אַרומגענומען קינדער אַרום זיך, און אַרויף מיט זיי אויף לאַסט־אויטאָס. די אָנגעפּאַקטע לאַסט־אויטאָס מיט יאָמערדיקע קינדערלעך, מיט ספּאַזמירנדיקע לערערס, דערציערס און קראַנקן־שוועסטערס האָט מען אַוועקגעפירט צו דער באַן־ליניע אין מידזעשין און פון דאָרט קיין טרעבלינקע".

און בערנאַרד גאָלדשטיין גיט צו:

"די סאַנאַטאָריע־שחיטה; דער אומקום פון די קינדערלעך איז געווען פאַר אונדז אַ באַזונדערער קאָשמאַר. וויפל כוחות, וויפל קרבנות האָט אונדז געקאָסט אויסצוהאַלטן די מעדעם־סאַנאַטאָריע, פאַרזאָרגן זי מיט אַלץ וואָס איז נויטיק. אין אונדזער פינצטער לעבן פלעגט אַ מאָל אַדורכבליצן אַ שטראַל פון האָפענונג,

אפשר וועט די סאַנאַטאָריע אויסמיידן דעם אומקום, אפשר וועט די רוצחישע האַנט דאָך זיך אָפּשטעלן און נישט אַראָפּלאָזן דעם חלף איבער די קעפּלעך פון אונזערע טייערסטע און בעסטע. און אָט איז עס געשען! אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל. פאַרניכטעט. פאַרברענט".

* * *

אין יענע גרויזאַמע טעג האָט אַ פּוילישער פאַרבינדונגס־אָפיציר, יאַן קאַרסקי, אַרויסגעפירט פון פּוילן קיין לאָנדאָן אַ רוף פון דעם פאָרשטייער פון יידישן אונטערגרונט, ד"ר לעאָן פיינער (געוועזן מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון "בונד" אין פּוילן און זיין אָנפירער בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע) צום וועלט־יידנטום. אין רוף, וואָס דער אָפיציר האָט איבערגעגעבן דעם בונדישן פאָרשטייער אין דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג, אַרטור זיגעלבוימען, האָט זיך געזאָגט: זאָגט זיי, אַז מיר דאָ פילן מאָמענטנווייז אַ האַס צו אַלע וואָס זענען דאָרט געראַטעוועטע, ווייל זיי ראַטעווען אונדז נישט... זיי טוען נישט גענוג. מיר ווייסן, אַז דאָרט, אין דער פרייער וועלט קען מען נישט גלייבן וואָס מיט אונדז געשעט. זאָלן זיי טאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל מאַכן די וועלט גלייבן. מיר שטאַרבן אַלע. פון די דריי און אַ האַלבער מיליאָן פּוילישע יידן איז שוין באַלד גאָרנישט געבליבן".

אָבער די וועלט האָט געשוויגן! ס'האָט געשוויגן טשערטשיל, ס'האָט געשוויגן רוזוועלט, ס'זענען אָפּגעקומען מיט בלויז "קרעכצן" די אַמעריקאַנער יידן, דאָס זעלבע אויך די פּאַלעסטינער יידן. ס'האָט נישט געהאָלפן דער ווייגעשריי פון יידישן אונטערגרונט, ס'האָט אויך נישט געהאָלפן אַרטור זיגעלבוימס זעלבסמאָרד ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער אַבסאָלוטער גלייכגילטיקייט פון דער גאַנצער פרייער וועלט צו דער פאַרטיליקונג פון יידישן פאָלק.

* * *

ביים אָפּמערקן דעם יאָרצייט נאָך די זעקס מיליאָן אויסגעהרגעטע יידן פאַרלאַנגט זיך פעסטצושטעלן מיט ביטערער אַנטוישונג, אַז אויף די געוויסנס פון אַ ריי פעלקער אין דעמאָלטדיקע נייטראַלע און אָקופּירטע מדינות דורך די דייטשן ליגט אַ העסלעכער שאַנדפלעק, ווייל זיי האָבן באַהאַלטן די קעפּ אין זאַמד, ווי שטרויסן, און נישט געמאַכט זיך זען ווי האַנדלס־און־ פאַבריק־טרעסטן פון זייערע מדינות ליפערן געווער, מעטאַל־אַרצן און אַנדערע סטראַטעגישע מאַטעריאַלן פאַר היטלערס מלחמה־מאַשין פאַר וואָס די נאַציס האָבן באַצאָלט מיטן צוגערויבטן גאָלד און אַנדער האָב־און־גוטס פון די אויסגעהרגעטע יידן.

אויף דער רשימה פון מדינות, וועלכע האָבן געצויגן פּראָפיט פון נאַצישן פאַרטיליקן די יידן, און נאָכן חורבן שפּילן זיי אַ ראָל פון "אומשולדיקע לעמל", געפינען זיך שווייץ, שוועדן, נאָרוועגיע, פּאָרטוגאַל, שפּאַניע, אַרגענטינע און אפילו די געוועזענע אָקופּירטע פראַנקרייך און עסטרייך. אויב מיר וועלן צוגעבן צו דעם שענדלעכן אומדירעקטן מיטבאַטייליקן פון די דערמאָנטע מדינות אינעם נאַצישן פאַרטיליקן די יידן דאָס בייזוויליקע פאַרשווייגן די אַלאַרם־רופן ←

מ. אייזענבוד / מעלבורן

# אַ מעשה מיט אַ מיידל

(דערציילונג)

דער קרייץ־וועג אַנטקעגן פלינדערס־סטיישן האָט מיט אַ מאָל אַ בלענד געטאָן מיטן גרינעם ליכט. גיי! אייגנטלעך האָט סעם, איינגעפּרעסט אין דער מענטשן־מאַסע, זיך שוין פריער געגרייט מיט אַלע חושים אַ שפּרונג צו טאָן איבערן קרייץ־וועג, ווי נאָר דער צייכן וועט זיך באַווייזן. זיין ציל איז געווען: אַדורכשפּרינגען די טרעפּן פון דער סטאַציע, אַ מיש טאָן זיך מיט דער מענטשן־לאַווע און אָט – אויף דער עלפטער פּלאַטפאָרם צו כאַפּן די באַן.

כאַפּן די באַן – דאָס איז ניט געווען פאַר סעמען אַ ספּאָרט – אַ מין געיעג, אָט ווי די דרעסירטע הינט וועלכע יאָגן זיך נאָכן עלעקטרישן האָז – כאַפּן די באַן האָט געמיינט: אָנקומען אַ היים מיט פינף מינוט פריער.

אין אַ רויקער רגע האָט סעם געפּרוווט זיך אַליין פרעגן: וואָס אייגנטלעך טוסטו אויף מיט די דאָזיקע פינף מינוט? און קיין מאָל האָט ער זיך ניט געקאָנט געבן דעם באַפרידנדיקן ענטפער, וואָס זאָל באַרעכטיקן דאָס לויפן. שטופּן זיך צווישן מענטשן, אויסמיידן און איבעריאָגן.

די פאַרענטפערונג, אַז דאָס טוט ער, כדי צו האָבן אַ זיץ־פּלאַץ אין צוג, איז אים אַליין צום סוף אויסגעקומען קאָמיש: – צען שעה אַ טאָג שטייסטו אויף די פיס און נאָך אַכט־צען מינוט זענען שוין צו פיל? – אויס – אַזוי האָט סעם באַשלאָסן: מער לויף איך ניט. נאָך דעם צוג גייט אַ צווייטער. אַוווּ ברענט? נאָר אַז ער איז אַזוי אַרום נאָך פינף אָנגעקומען אויפן קרייץ־וועג אַנטקעגן פלינדערס־סטיישן, האָט אים די מאַסע אָנגעשטעקט מיט איר אימפּעט. ווי די קאָמפּאַס־נאָדל נעמט וויברירן, ווען זי דערשפּירט אַן עלעקטרישן פּאָליוס – אַזוי האָט דער דראַנג פון דער מאַסע אַ באַוועג געטאָן סעמען. מעכאַניש האָט ער אַריינגעשטעקט די סענטן דעם צייטונגס־פאַרקויפער, צונויפגעוויקלט די צייטונג, און ווי תמיד זיך באַמיט צו כאַפּן די באַן וואָס גייט אָפּ 5:17.

אַז ער איז שוין געזעסן באַקוועם ביים פענצטער, די צייטונג פונאַנדערגעוויקלט, האָט סעם זיך דערפילט ווי אַ זיגער. אַ דעראָבערער. נאָר באַלד איז אים ←

---

נאָך הילף פון די יידן אין וואַרשעווער געטאָ מצד טשערטשילן און רוזוועלטן, באַקומט זיך אַ טרויעריק בילד פון אַן אַלגעמיינער פאַרשווערונג פון אַלע אייראָפּעישע מדינות צוזאַמען מיט אַמעריקע קעגן יידישן פאָלק אין זייער שטילער הסכמה צו היטלערס אויסהרגענען דאָס יידישע פאָלק.

טאָרן מיר דאָס קיין מאָל נישט פאַרגעסן! ווען מיר זענען עדות, אַז נאָך זעקס צענדליק יאָרן שטייען אויף נייע גיפטיקע שונאים, וואָס ווילן פאַרענדיקן היטלערס מלאכה, מוזן מיר שטיין אויף דער וואַך און היטן, אַז אַזאַ בראָך וואָס האָט געטראָפן דעם יידישן פאָלק זאָל זיך קיין מאָל מער נישט איבערחזרן!

אויסגעקומען, אַז אייגנטלעך האָט ער דאָ - מיט זיין אויפטו, אַליין גאָרניט אויפגעטאָן. דאָס האָט אים אַזוי געטראָגן דער אימפּעט פון דער מאַסע, דאָס האָט זי אין אים אויפגעוועקט דאָס געפיל פון רייסן זיך פאָרויס. דער מענטש און די מאַסע: ווי דער טראָפּן צעשפּאַלט דעם פעלדז דורך זיין נאָכאַנאַנדיקן פאַלן אויפן זעלבן אָרט - אַזוי האָט דער דאָזיקער געדאַנק גענומען עקבערן סעמען טאַקע דעמאָלט, ווען ער האָט געקוקט אויף זיך ווי אַ דעראָבערער. האָט מאַסע אַ ווילן, אַן אויסדויעריקן; אַ ווילן וואָס קען בויען אָדער אַ שטרעבונג צו דערגרייכן אַ ציל אויף אַ קורצער שטרעקע? די מאַסע האָט אַ ציל: שנעלער אַרויס פון דער שטאָט און זיך פונאַנדערשיטן איבער טויזנטער הייזע; ווערן איינצלנע, באַקומען אַן אייגן פּנים; פאַרנעמען אַן אָרט אין דער היים. אויסגעמישט מיט אַנדערע איז דער מענטש פּנימלאָז. פּיס וואָס לויפן. ווען דאָס גרינע ליכט באַפעלט: גיי! זי בלייבט שטיין, ווען דאָס רויטע ליכט באַפעלט: שטיי! דער פּנימלאָזער מענט, וועלכער גיסט זיך צוזאַמען אין אַ מאַסע, באַשטימט ניט זיינע האַנדלונגען מיטן אייגענעם ווילן. אָט האָט עמעצער פאַרלייגט אַ קייטל איבערן דורכגאַנג, אויפגעהאָנגען אַ ברעטל: געשלאָסן! און שוין שפּאַרט זיך דער מענטש צום אַנדערן דורכגאַנג. כאָטש די מאַסע האָט זיך אַליין ניט ליב, ווייל זיך וואָס שנעלער צעשטויבן אין קליינע טיילעכלעך; ווייל אָבער האָבן דאָס געפיל פון צוגעהערן, הערשן, זיין עמעצער - מוז זי זיך צווישן די שטיינערנע בלאָקן צונויפגיסן, און דער דאָזיקער צונופגוס גיט צו אימפּעט, רייסט מיט אַפילו די וואָס ווילן תמיד בלייבן - איך, און גיין זייער אייגענעם וועג.

מיט אַזעלכע געדאַנקען קומט סעם אָן אַ היים, פּונקט צו דער מינוט. ער מאַכט אויף די טיר און נעמט גיין פון צימער צו צימער. דאַן ווערט אים קלאָר, אַז דאָס גאַנצע איילעניט איז ניט מער ווי אַן אָנגעשטעלטע זאַך; אַז ער האָט דאָס איבערהויפּט ניט נויטיק געהאַט. ער האָט פּונקט אַזוי געקאָנט אַ היים קומען אַ האַלבע שעה שפּעטער, און ער וואָלט גאָרניט פאַרזאַמט.

* * *

סעם האָט איבערגעריסן די רוטין. דאָס איז געשען צופעליק. עס איז געווען היים, דערשטיקט צו ווערן. די אָנגעגליטע הייזער, ווי באַק־אויוונס, האָבן צוריקגעגעבן די אָנגעזאַמלטע היץ. דער רויך פון פאַרברענטן בענזין, וועלכן די אויטאָס האָבן געלאָזן נאָך זיך, איז געבליבן ליגן ביים טראָטואַר און ס'האָט געאיבלט ביז ניט גוט צו ווערן. דאָס שווייסיקע העמדל האָט געקלעפּט צום לייב און אין האַלדז איז געווען טרוקן. אַפילו אויסצושפּייען איז ניט געווען מיט וואָס.

די פּיס, פון געוווינטשאַפט, (זיי קאָנען שוין דעם וועג פון אויסנווייניק), האָבן געטראָגן סעמען אין דער ריכטונג פון באַן־הויף. נאָר עפּעס איז די מידע מאַסע לויז געוואָרן, שלאַבערדיק, אָן אימפּעט. האָט דער מעכאַניזם וואָס רעגולירט דעם מענטשס טואונגען, גענומען אויסשיילן אַן אייגענעם ווילן, ווי פון נעפּל אַרויס. - אַ גלאָז קאַלט ביר... - די פּיס האָבן זיך מיט אַ מאָל גענומען באַוועגן לאַנגזאַמער. די אויגן - תמיד אָנגעשטעלט אויף איין ליניע צווישן רויט און גרין,

האָבן גענומען זוכן אַן אָפענע טיר. סעם איז אַריין אין "פּאַב". זיך געהייסן אָנגיסן אַ גלאָז פון דעם ברוינעם, שוימיקן און קאַלטן געטראַנק, און גענומען עס זופּן מיט איין אָטעם.

דורך דעם שוימיקן גלאָז האָט ער זי דערזען.

ער האָט איבערגעריסן אין מיטן טרינקען און זי אָנגעקוקט. זי איז געשטאַנען אַ שעמעוודיקע, אַ יוגנטלעך פאַררויטעלטע, די אויגן אַראָפּגעלאָזט. צו קאָנען קוקן לענגער אויפן מיידל, האָט סעם באַשטעלט נאָך אַ גלאָז ביר. עפּעס האָט ער אין איר דערזען, און מער ניט געקאָנט אָפּרייסן דעם בליק. די גלייכגילטיקייט פון זיינע מיטטרינקער צום מיידל האָט אים געוווּנדערט, אַפילו אַ קליין ביסל פאַרדרוס אַרויסגערופן.

אָט שטייען זיי אין קרענצלעך, צו צווייַ, צו דריי, רויכערן, פאַלן אַריין איינער דעם צווייטן אין די רייד, און באַמערקן זי אַפילו ניט. ערשט ווען דאָס גלעקל האָט גענומען קלינגען און דער באַרמאַן האָט אויסגערופן: ס'איז צייט, מיינע הערן! ערשט דאַן האָט זיך סעם געכאַפּט, אַז ער איז דאָ אָפּגעשטאַנען אַ קנאַפּע שעה.

צומאָרגנס איז ער ווידער אַהער געקומען. דאָס מיידל איז געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט, נאָר היינט האָט זי אויסגעזען אַ ביסל אַנדערש. דער אַנטבלויזטער האַלדז איז געווען אַ ווייסער, אויסגעצויגענער. די האָר פאַרקאַמט און צוזאַמענגענומען מיט אַ ביינערנער האָר-נאָדל. דעריבער איז דער האַלדז נאָך לענגער געוואָרן. נאָך ווייסער. סעמען האָט עס געצויגן צוצוגיין נעענטער, כאָטש אַ גלעט טאָן דעם האַלדז.

אויף דער צווייטער וואָך האָט זיך אים גענומען דוכטן, אַז דאָס מיידל דאָ אין באַר, ווו אַלע טרינקען, זעט קיינעם ניט, נאָר אים – סעמען, זי קוקט אויף אים, דוכט זיך, דער קאָפּ איז שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזן, און דאָך האָט זי אירע אויגן אויף אים. זיי שמייכלען מיט אַ פאַרבאָרגענער פרייד, פון וועלכער עס ווערט אַזוי וואַרעם. באַוווּנדערנדיק איר נאַקעטקייט, האָט ער פּרובירט צוגיין צו איר נעענטער. נאָר ווי תמיד איז דער באַר, אין דער נאָך-אַרבעטס-שעה, געווען פול מיט מענטשן וועלכע טרינקען, ריידן וועגן פוטבאָל און פערד-געיעגן; וויקלען ציגאַרעטן, איינרייבנדיק פריער דעם טאַבאַק אין האַנטפלאַך, און באַנעצן דאָס פּאַפּיר מיט פייכטע ליפּן.

די זון האָט זיך דורכגעריסן דורך די שמאָלע פענצטערלעך פון סופיט. אין דעם בינטל שטראַלן האָט דאָס מיידל אויסגעזען, ווי זי וואָלט פאַרגעסן זיך אָנטאָן. שטייט זי אַזוי, די רונדע בריסט ראָזלעך צעוואַרעמט אין דער זון, איר אויסגעבויגענע טאַליע מאַכט דעם איינדרוק ווי זי זוכט עפּעס דאָ, אויף דער שטול. און דער שמייכל, אָט דער וואַרעמער, אומעטיקער, שעמעוודיקער שמייכל, וואָס שפּינט זיך אַרום סעמס נשמה – אַזש ער כאַפּט זיך ביים ברוסט-קאַסטן, ווי ער וואָלט עס דערפילט פון אינעווייניק. ער האָט געפילט, אַז אָט, אָט שטרעקט זי אויס איר האַנט. נעמט אָן זיין האַרץ מיט איר ווייכער, דין געשניצטער מיידל-האַנט און נעמט עס צערטלען, ווי מען צערטלט אַ שניי-ווייס פּוכיק

קעצעלע און מען פילט דערביי ווי דאָס הערצל קלאַפּט שנעל: טיק, טאַק... טיק־טאַק... אונטערן העמד האָט ער דערשפּירט דאָס האַרץ־קלאַפּעניש. נאָר אָפּגעקלונגען האָט עס ווי האַמערס וואָלטן געשלאָגן אָן אַ קאָוואַדלע. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אים האָט זיך געדוכט, אַז די אַלע, וואָס שטייען אַרום, מוזן אוודאי אָט דאָס קלאַפּן הערן. און זיי באַקוקן אים מיט נייגער. אָבער קיינער האָט קיין אַכט ניט געלייגט אויף סעמען, און אויך ניט אויפן מיידל. סעמען איז ענג געוואָרן. ער האָט געוואָלט אַ כאַפּ טאָן דאָס מיידל מיטביידע הענט און אַרויסלויפן אין דרויסן. אים האָט זיך געוואָלט אויסשרייען: – זעט, בלינדע וואָס איר זענט – אָט די שיינקייט וואָס בלענדט, זי שטייט דאָ, אויף אייערע אויגן, און איר זעט עס ניט...

מיט איין שלוק האָט ער אויסגעטרונקען דאָס קאַלטע, שוימיקע ביר און איז אַוועק. אָפּמאַכנדיק ביי זיך מער דאָ די שוועל ניט איבערטרעטן.

* * *

זי האָט אים געגלעגט דעם צעהיצטן שטערן, צו וועלכן פייכטע, שוויסיקע קודלעס האָבן זיך געקלעפּט. זי איז אַצינד געווען כמעט נאַקעט, בלויז אַ פּאָר שיך און זאָקן אַרויפגעצויגן ביז די קני. איר שמייכל איז געווען דער זעלבער, ווי אין ערשטן טאָג, ווען זי האָט אים אָנגעהאָנגען אויף זיין נשמה. ער האָט געשטרעקט זיינע הענט צו איר קערפּער, נאָר מורא געהאַט צוצורירן... טאָמער צעשווימט ער זיך, ווי אַ נעפּל. ער האָט ניט געקאָנט צוימען דעם דראַנג, און פון זיך אַליין האָבן זיך די הענט אַ צי געטאָן צום מיידל. אָט האָבן די שפּיצן פינגער זי אָנגערירט, נאָר עפּעס אַ האַרטע וואַנט, אַ דורכזיכטיקע אַזאַ, שטייט צווישן מיידל און זיינע פינגער. דוכט זיך – ער רירט זי אָן, נאָר די קאַלטקייט פון דער וואַנט שפּירט ער אין די פינגער.

אַ גלאָז – אַ גלעזערנע וואַנט – ווערט מיט אַ מאָל סעמען קלאָר. צווישן אים און דעם מיידל האָט ווער אַוועקגעשטעלט אַ גלעזערנע וואַנט, ער זאָל קאָנען זי אָנרירן בלויז מיט די אויגן, און ניט מער... אַ פאַרצווייפלט געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון סעמען. דאָס איז געווען אַ פיינלעכער, פאַרשטיקטער געשריי פון אַ קלעטערער, וואָס האָט שוין אָט־אָט דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג פון זיין טרוים, נאָר מיט אַ מאָל האָט ער זיך אָפּגעריסן און איז אַרונטערגעפאַלן אין אַ תהום. דער אייגענער געשריי האָט אים אויפגעוועקט. אַרום איז געווען פינצטער – שטיל, נאַכט.

אין דער פרי איז ער אויפגעשטאַנען אַ ניט אויסגעשלאָפענער; אַ בייזער, מיט רויטע, פאַרנעפּלטע אויגן. אין אים האָט נאָך אַלץ געצאַפּלט דאָס געפיל פון אַנטוישונג, פון דעם וואָס איז געווען אַזוי נאָענט און דאָך האָט ער עס ניט געקאָנט דערגרייכן...

* * *

דער רויטער דזשעק, (זיינע פאַבריק־חברים האָבן אים גערופן "בלוי", צוליב זיין רויטקייט טאַקע) האָט באַלד באַמערקט, אַז סעם זעט אויס מאָדנע אַנדערש;

אַז זיין מאַשין אַרבעט ניט ווי געהעריק; אַז זיין בליק קוקט אויף דער צייכענונג, נאָר ער זעט זי ניט. מאָנטיק פרי וואָלט עס ביי דזשעקן אויסגעזען נאַטירלעך. אַ סך מאָל פילט ער זיך אַליין אַזוי. פּאַסירט, אַז מען טרינקט אַ ביסל צו פיל ביר אויס אין אַ זונטיק. ס'איז, אָבער געווען אין מיטן דער וואָך, און דעריבער איז דזשעק צוגעשאַנען צו סעמען: – עפּעס דריקט דיר אויפן לעבער, יינגל, שפּיי עס אויס, וועט דיר לייכטער ווערן. פּאַק אַריין אַ פינגער אין האַלדז אַריין – ווייזט ער אים – טיפער, טיפער, און אָט באַלד וועט דיר לייכטער ווערן... סעם האָט קיין פינגער אין האַלדז ניט געדאַרפט אַריינשטעקן, אָבער צוריקהאַלטן דאָס, וואָס עס האָט זיך אין אים צוזאַמענגענומען אויפן לעבער, האָט ער אויך ניט געקאָנט. קורצע, אָפּגעהאַקטע ווערטער, ס'האָט אים פאַרפעלט לופט. ענדלעך האָט ער די מעשה גענומען אויסלייגן מיט אַ סדר.

דזשעק האָט עס געמאַכט לייכטער פאַר סעמען. ער האָט גלייכגילטיק איינגעריבן דעם געלן טאַבאַק אין זיין האַנט־פלאַך, אויסגעשפּרייט די טאַבאַק־פעדים אין פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, עס מיט אַ מאָל קונציק אַ פאַרדריי געגעבן און, צוהאַלטנדיק עס מיט צוויי פינגער, האָט ער אָפּגעלעקט דעם ברעג.

סעם האָט פאַרענדיקט די מעשה מיטן מיידל. עפּעס אַ לייכטקייט האָט ער דערפילט און דאָך האָט עס אים באַנג געטאָן, ווי ער וואָלט זיך מיט עפּעס צעשיידט. ער האָט זיך אַפילו אַ ביסעלע פאַרשעמט פאַר צעלאָזן די צונג, נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט. דזשעק האָט פאַרדרויכערט. מיט אַן ערנסטער מינע, ווי איינער וואָס גייט דאָ זאָגטן ווער ווייס וואָס פאַר אַ וויכטיקע זאַך, און דעריבער מוז ער אַרום זיך האָבן אַן עולם, האָט ער צוגעוווּנקען מיטן האַנט, און שוין זענען אַרום דזשעקן געשטאַנען נאָך אַ פּאָר אַלעט באַקאַנטע. דזשעק האָט טיף אַריינגעצויגן דעם רויך און מיטן טאָן פון איינעם וואָס ווייס אויף זיכער, האָט ער אָ זאָג געטאָן:

– סעם איז פאַרליבט...

– גוד אָן יו – האָבן חברה געקלאַפּט סעמען אין פּלייצע.

– אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ – האָט דזשעק אַ מאַך געטאָן – סעם האָט זיך פאַרליבט אין "קלעאָ", אָט דאָס בילד פון נאַקעטן מיידל, וואָס מען האָט געפונען אויף אַ בוידעם ביים צעוואַרפן אַן אַלט הויז, פון די ערשטע ציגל הייזער אין מעלבורן. מען זאָגט, אַז דאָס בילד איז אפשר הונדער יאָר אַלט. אַצינד הענגט דער פּאָרטרעט אין זיין נאַטירלעכער גרויס אין ביר־סאַלאָן פון "יונג און דשעקסאָן"...

– אפשר הונדערט מאָל שוין געטרונקען דאָרטן ביר, און דעם פּאָרטרעט ניט באַמערקט – האָט זיך געוווּנדערט דזשימי – דאָס איז קאָמיש. ווער קוקט אויף די ווענט אין אַ "פּאַב"? דער עיקר דאַרף מען קוקן דער באַרמאַן זאָל אָנגיסן אַ פול גלאָז, אָן דעם ווייסן, שוימיקן "קאָלנער"...

חברה האָט זיך צעשמייכלט, און יעדער איז אַוועק צו זיין מאַשין...

פיניע פלאָטקין

# פון מיין לירישן העפט

* * *

אונדז, שטערבלעכע, ווירקלעך באַקאַנט איז,
וואָס טאָג־טעגלעך קומט פּאָר אויף דער וועלט,
אַ מענטש אין דער טיף פון גאַלאַקטיק
איז אַ פּינטעלע און ניט מער.

* * *

און אויב איך וועל ווערן פאַרוווּנדעט
צוליב עפּעס וואָס, ניט אומזיסט,
זאָלט איר וויסן: איך בין שטענדיק געווען פאַרבונדן
מיט דער נאַטור פון קאָפּ ביז די פיס.

* * *

האָט איר ניט געזען ווי אַ ווינט אַ שטיפער
רייסט זיך אין סאָד, ווו אַן עפּלבוים בליט?
האָט איר ניט געזען ווי אַ שטערן צעשיינט זיך
ביינאַכט אויפן הימל און ער ווערט פאַרברענט?
האָט איר ניט געזען ווי דער ערדקיילעך דרייט זיך -
מיר דוכט זיך, אַז ניט, ווייל ס'איז אוממעגלעך זען.

* * *

אַ שטערן קוקט אַריין צו מיר אין פענצטער,
אויף אַ בעריאָזקע דרעמלט די לבנה,
צי וועלן ווען־ניט־איז די שטערן זיך דערוויסן,
אַז כ'האָב געוואָלט מיט זיי אַ שמועס טאָן אַ ביסל?

* * *

דער אָסיען האָט זיך צו פיל ניט געאיילט
און האָט זיך מיט אַ שטילן ווינט באַגעגנט
קיין אַנדער אויסוועג האָט ער ניט געהאַט,
ווען ס'שיט אַ שנייעלע און ס'שפּריצט אַ רעגן.

* * *

דער זיידע האָט פאַר אונדז אַ וואַנטזייגער געקויפט
און ווי מיט אים באַגיין זיך אונדז באַוויזן.
ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָרגאַניזם
דעריבער פופציק יאָר דער וועלט געדינט.

משה דוד חייט / ירושלים

# צוויי צווייגן

צוויי צווייגן פון איין בוים גיבן די זעלבע פרוכט. אמת, עס טרעפט אַז צוויי צווייגן פון איין שטאַם וואַקסן מיט פֿאַרשיידענע פרוכט, אָבער דאָס איז שוין נישט קיין נאַטירלעכע זאַך. דאָס באַקומט מען מיט דער הילף פון אַגראָטעכנישע מיטלען, ווען מע פירט דורך אויף איין שטאַם די אַזוי גערופֿענע צוויפקרייצונג.

איך וועל היינט דערמאָנען וועגן צוויי צווייגן פון איין שטאַם וועלכע האָבן געגעבן פֿאַרשיידענע פרוכט.ביידע צווייגן קען מען נישט פֿאַרגלייכן, אָבער זיי האָבן פֿאַרדינט מען זאָל זיי ניט פֿאַרגעסן. איינער פון זיי איז **סטעפֿאַן צווייג**. ער איז געבאָרן דעם 28 נאָוועמבער 1881 אין ווין, עסרייך. קורץ איז געווען זיין לעבנס-וועג, בלויז 61 יאָר. ער איז געווען איינער פון די גרויסע שרייבערס אין זיין צייט, וועלכער האָט איבערגעלאָזן אַ רייכע ירושה מיט טאַלאַנטפֿולע שאַפֿונגען. זיינע עלטערן זיינען געווען פֿאַרמעגלעכע מענטשן און דאָס האָט אים דערמעגלעכט שוין פון די יונגע יאָרן צוגאָבלעך לערנען ראָמאַניסטיק אין די אוניווערסיטעטן פון ווין און בערלין, אַרומרייזן כמעט איבער אַלע אייראָפּעישע לענדער, באַזוכן צפֿון-אַמעריקע, כינע און פיל אַנדערע מקומות.

די ערשטע ליטעראַרישע שאַפֿונגען זיינע האָבן זיך באַוויזן אין יאָר 1898 און גלייך האָט ער באַקומען אָנערקענונג אין דער ליטעראַרישער וועלט. געשריבן האָט ער אויף דייטש, ניט געקוקט אויף דעם פֿילט זיך אין פיל זיינע שאַפֿונגען צוגעבונדקייט צו זיינע יידישע וואָרצלען.

אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט-מלחמה דינט ער אין מיליטערישן אַרכיוו פון עסטרייכישן קריגס-מיניסטעריום. אין יענע יאָרן איז ער שוין געווען אַ באַוווסטער שרייבער. ניט געקוקט אויף זיין מיליטערישן דינסט טרעט ער אַרויס אין זיינע שאַפֿונגען קעגן דער מלחמה. אין דער זעלבער צייט בינדט ער אָן באַציונגען מיט ראָמען ראָלאַן און זייער נאָענטקייט איז פֿאַרבליבן ביזן סוף לעבן. אין יאָר 1921 איז אַרויס פון דרוק סטעפֿאַן צווייגס אַ בוך מיטן נאָמען "ראָמען ראָלאַן און זיינע שאַפֿונגען". אין די יאָרן 1917–1919 אַרבעט ער אַלס עסטרייכישער קאָרעספּאָנדענט פון "די נייע פרייע פרעסע" און אַ ריי אַנדערע אויסגאַבן, פּאַקטיש געפֿינענדיק זיך אין עמיגראַציע. ער באַקענט זיך מיט טעאָדאָר הערצל און זיינע ציוניסטישע אידעען. מיט אַ צייט פריער האָט הערצל געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט צווייגס אַ דערציילונג. אין יאָר 1919 פאָרט ער אַריבער קיין זאַלצבורג און אין 1928 באַזוכט ער דעם ראַטן-פֿאַרבאַנד אויף דער איינלאַדונג צום 100-יאָריקן יובילײ פון לעוו טאָלסטאָי. דאָ באַקענט ער זיך מיט מאַקסים גאָרקי. נאָכן פֿאַרלאָזן דעם ראַטן-פֿאַרבאַנד האָט ער ניט איין מאָל געשריבן וועגן צושטאַנד אין לאַנד און דער שטימונג באַם פֿאָלק. ער האָט אויך געשריבן וועגן זיינע איינדרוקן פון מאַקסים גאָרקי. נאָך היטלערס י"ש קומען צו דער מאַכט האָבן די נאַציס פֿאַרברענט אַלע זיינע שאַפֿונגען. נאָך דעם ווי די נאַציס האָבן געמאַכט אַן אונטערזוכונג אין זיין דירה פאָרט ער אַריבער קיין ענגלאַנד

און שפּעטער קיין בראַזיל. דעם 22 פעברואַר 1942, לעבנדיק אין פּעטראָפּאָליס, נאָענט פון ריאָ־דע־זשאַנעיראָ איז ער צוזאַמען מיט זיין פרוי באַגאַנגען זעלבסמאָרד. אויף אים האָט שטאַרק געווירקט די איינזאַמקייט נאָכן בלוטיקן טעראָר פון די נאַציס און אויסראָטונג פון דער דייטשישער קולטור, מיט וועלכערער איז געווען פאַרבונדן כמעט זיין גאַנץ לעבן. זיינע פילצאָליקע שאַפונגען זיינען אויף אייביק פאַרבליבן, און ביז היינטיקן טאָג האָבן זיי ניט פאַרלאָרן דעם אינטערעס. זיי זיינען אַקטועל אויך היינט.

אין מיין ביבליאָטעק געפינען זיך זיבן בענד פון סטעפאַן צווייג. שרייבן וועגן אַלע זיינע שאַפונגען אין איין עסיי איז אוממעגלעך, איך וועל זיך באַנוגענען, בלויז אין קורצן, שרייבן וועגן אייניקע פון זיי. אין יאָר 1917 דערשיינט זיין דראַמאַטיש ווערק "ירמיהו", וואָס איז געבויט אויף די יסודות פון תנך. די הויפּט־טעמע איז דאָ דער קאַמף פאַר שלום.

קעגן מלחמה טרעט ער אַרויס אין "מענדל דער בוקיניסט". (1929). מענדל, דער שטילער ייד, איז פאַרליבט אין ביכער. צו אים ווענדן זיך פילצאָליקע ליבהאָבער פון ליטעראַטור, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אַפילו פּראָפעסאָרן פון אוניווערסיטעט. מענדלען אינטערעסירט ניט קיין געלט אָדער פּאָליטיק, ער ווייס ניט וואָס עס טוט זיך אַרום אין דער וועלט און אַפילו הינטער דער קאַפעטעריע, ווו עס געפינט זיך זיין אַרבעטס־טיש. אין דער צייט פון דער מלחמה שיקט מענדל אַ פּאָסט־קאַרטל קיין פאַריז צו אַ פאַרוואַלטער פון אַ בוך־געשעפט. מען באַשולדיקט אים אין שפּיאָנאַזש און ער זיצט אָפּ צוויי יאָר אין לאַגער. ער קערט זיך אום אַ צעבראָכענער. דאָס איז דאָס איינציקע מאָל, ווו באַ צווייגן איז אַ ייד אין זיינע שאַפונגען דער הויפּט־העלד. אָבער די יידישע טעמע טרעפן מיר פיל מאָל, וואָס באַווייזט זיין צוגעבונדקייט צום יידישן פאָלק. איינס פון זיינע אינטערעסאַנטע און טאַלאַנטפולע ווערק איז "די באַגראָבענע מנורה".

דער גרויסער מייסטער פון פּראָזע און פּאָעזיע נוצט דאָ אויס די פילאָזאָפישע טעזן דורך פאַרשיידענע ביישפּילן, סימבאָלן איינגעהילט מיט יידישע געפילן, וואָס זיינען בלי ספק אויסבאַהאַלטן געווען טיף אין זיין האַרצן. די מנורה, וועלכע איז באַגראָבן געוואָרן אין ירושלים, וואַרט אויף איר אויסלייזונג ווען קיין ארץ ישראל וועלן זיך אומקערן אַלע יידן פון דער גאָרער וועלט. דער יידישער גייסט, די אייביקע האָפענונג וואָס באַגלייט אין אַלע תקופות אונדזער פאָלק, שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ סך זיינע שאַפונגען און איבערהויפּט אין דער "באַגראָבענע מנורה". דאָס דאָזיקע ווערק האָט סטעפאַן צווייג געשריבן קורץ פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער האָט ווי אַ נביא געפילט, אַז עס דערוואַרט דער מענטשהייט אַן אומגעהערטער באַרבאַריזם און וואַנדאַליזם. טאַקע אין דער "באַגראָבענער מנורה" שילדערט ער די ווילדקייט, דעם פאַנאַטיזם צונויפגעפלאָכטענעם מיט באַרבאַריזם. די ווילדע "ברואים" באַפאַלן פלוצלונג דעם צענטער פון אַן אַלטער ציוויליזאַציע, באַרויבן אַ שטאָט און פאַרכאַפּן די הייליקייט, וועלכע איז זאָרגלאָז געבליבן פריי פאַר די רוצחים.

סטעפאַן צווייג וואָלט נאָך געקענט פיל מער באַרייכערן די ליטעראַטור. זיינע איבערלעבונגען, וואַנדערונגען, די טיפע אַנטוישונג אין דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע וועלכע האָט אויסגעהאָדעוועט דעם נאַציזם מיטן ווילדן באַרבאַריזם, פאַרניכטנדיק די מיט יאָרן איינגעוואָרצלטע קולטור, האָט שטאַרק געווירקט אויף זיין געזונט און מאָראַלישן צושטאַנד. ער פאַרלאָזט אייראָפּע און באַזעצט זיך אין אַ רויק אָרט, פּעטראָפּאָליס, וואָס געפינט זיך נאָענט פון ריאָ־דע־זשאַנעיראָ, בראַזיל. אָבער, צום באַדויערן האָט ער דאָ ניט געפונען קיין באַרויקונג, ער נעמט אָן אַ טראַגישן באַשלוס און געזעגנט זיך מיטן לעבן. ער איז דאַן געווען בלויז 61 יאָר אַלט. דאָס איז געשען, ווי דערמאָנט, דעם 22 יאַנואַר 1942, אין סאַמע ברען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

איך וויל נאָך דערמאָנען אַ קליינעם טייל פון זיינע אַנדערע שאַפונגען: "אַמאָק" (1922). "פאַרפירונג פון די געפילן" (1927), "שאַכנאָוועלע" (1941) "לעפּאַרעלאַ" (1929), "פאַנטאַסטישע נאַכט", "בוימייסטער דער וועלט" (1920–28) (דאָ שפּיגלען זיך אָפּ די געשטאַלטן פון דאָסטאָיעווסקי, דיקענס, גיאָרדערלין פאָן קלעיסט). אַ באַזונדער באַנד ווידמעט ער זיין לעבנס־חבר "ראָלאַן" (1921) און די ביאָגראַפיע פון באַלזאַק אויף וועלכער ער האָט געקליבן מאַטעריאַל אין משך פון 30 יאָר (1946), אַרויס פון דרוק שוין נאָך זיין טויט. אין זיינע שאַפונגען קומטער צום אויספיר, אַז פּאָליטיק איז אַן אומגערעכטע שפּיל וואָס שאַפט אינטריגאַנטן, ווי צום ביישפּיל "יוסף פוזשע" (1929). זייער רייך און טאַלאַנטפול איז זיין ווערק "מאַריאַ סטואַרט" אָדער "מאַריאַ אַנטואַנעט" (1932). "די וועלט פון געסטערן" (די נעכטיקע וועלט) (1942). ער דריקט אויס די רעשטלעך פון זיין גלויבן אין דרייסטקייט פון מענטשלעכן געני אין זיין ראָמאַן "מאַגעלאַן" (1938), און "אַמעריגאָ" (1942).

אין אָנהייב האָב איך דערמאָנט צווי צווייגן. דער צווייטער צווייג איז אַרנאָלד. ער איז אויך ניט ווייניקער באַוווסט אין דער ליטעראַרישער וועלט ווי סטעפאַן צווייג. אַזוי איז געשען, אַז זיי האָבן געלעבט כמעט אין איין צייט, ניט האָבנדיק קיין משפחה־פאַרבינדונג.ביידע האָבן זיי געשריבן זייערע ווערק אין דער דייטשישער שפּראַך, אָבער ניט געקוקט אויף דעם האָבן מיר דאָס פולע רעכט צו שטאָלצירן מיט זיי.

אַרנאָלד צווייג איז געבאָרן אין שטעטל גלאַס־גלאַגוי, איצטער גלאָגווו (פוילן, נידערשלעזיע). אין היפוך צו סטעפאַן צווייג זיינען אַרנאָלדס עלטערן געווען האָרעפאַשניקעס, דער טאַטע אַ זאָטל־מאַכער. אויך ווי סטעפאַן איז אַרנאָלד געבאָרן אין נאָוועמבער, אָבער מיט זעקס יאָר שפּעטער. אַרנאָלד איז אויך באַרימט געווען ניט נאָר ווי אַ שרייבער, נאָר ווי אַ גרויסער הומאַניסט אין בעסטן זין פון וואָרט. ווען אַרנאָלד איז געווען אַלט 9 יאָר, ד"ה אין יאָר 1896, איז די משפחה אַריבערגעפאָרן קיין קאַטאָוויץ און דאָ פאַרענדיקט אַרנאָלד די רעאַל־גימנאַזיע. נאָך דעם שטודירט ער פילאָזאָפיע, פילאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, געשיכטע פון קונסט און עקאָנאָמיק אין די אוניווערסיטעטן פון ווראָצלאַוו,

מינכען, בערלין, געטינגען, ראָסטאָק און טאַבינגען. זיין בילדונג האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַן אַלזייטיקן ווינסשאַפטלער און באַגאַבטן היסטאָריקער. שוין אין די יונגע יאָרן פאַרנעמט ער זיך מיט ליטעראַטור. גענומען זיך דרוקן אין 1909 און אין 1915 באַקומט ער דעם אָנגעזעענעם קלייסט־פּריז. ער האָט אָנגענומען די געזעלשאַפט אַזוי ווי זי איז און האָט געהאָפט, אַז מען קען זי אויסבעסערן אין די ראַמען, אין וועלכע זי געפינט זיך, דורך גייסטיקער אויסבילדונג.

ווי אַ טיפּישער דייטשישער ייד איז ער געווען אַ גרויסער פּאַטריאָט. ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט גלויבן, אַז די ציוויליזירטע אייראָפּע זאָל זיך פאַרוויקלען אין אַ קריג. אָבער, ווי געזאָגט, אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און ער ווערט מאָביליזירט אין דער אַרמיי. ערשט דאָ האָט ער אָנגעהויבן זיך אויסניכטערן פון זיינע טרוימען און האָפענונגען. דאָ, אין דער אַרמיי, פאַרלירט ער זיינע אילוזיעס. ווי אַ ייד ווערט באַשטימט אין דער ערגסטער אָפּטיילונג פון דער אַרמיי, אין דעם אַסיניזאַציע באַטאַליאָן. ער דערפילט די דייטשישע געמיינקייט און ברוטאַלקייט. ווי אַ קורצזיכטיקן באַפרייט מען אים ניט פון דירעקטן אָנטייל אין די שלאַכטן אויפן פראָנט. ער באַטייליקט זיך אין די שלאַכטן הינטער ווערדען און אין סערביע. ערשט שפּעטער געלינגט אים אַריבערצוגיין אין פּרעסע־אָפּטייל באַ דער הויפּט־קאָמאַנדשאַפט פון "אָבער־אָסט". דאָ קומט אים אויס צו אַרבעטן צוזאַמען מיט יידישע אָפיצירן, וועלכע האָבן אים מאָראַליש געשטיצט און געהאָלפן אין דער ערשטער צייט פון זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט. ער שרייבט צווישן אַנדערע אויך באַגייסטערטע אַרטיקלען וועגן דער "ווילנער טרופּע".

אין 1911 באַווייזט זיך זיין בוך "אויפצייכענונג איבער איין פאַמיליע קלאָפּפער", נאָוועלן אום קלבדיה (1912) און אַנדערע. שוין נאָך דער מלחמה, אין יאָר 1921, גייט אַרויס פון דרוק אַרנאָלדס פּיעסע וועגן אַ רוסישן קריגס־געפאַנגענעם "סערזשאַנט גרישאַ", וועלכער אַנטלויפט פון געפאַנגענשאַפט און נאָך דעם ווי מע האָט אים געכאַפּט פאַרמשפּעט מען אים אויף טויט־שטראָף. דערפאָלג האָט געהאַט די פּיעסע ערשט דאַן ווען אַרנאָלד האָט זי איבערגעאַרבעט אין אַ ראָמאַן. דאָ דערווייזט ער די גלייכגילטיקייט פון דער פּרייסישער יוסטיץ, וועלכע שטרעבט אָפּצושרעקן די קריגס־געפאַנגענע און גלייכצייטיק אויך די פאַציפיסטן, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן דער פעלקער־שחיטה. דער ראָמאַן איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן און גלייכצייטיק איז אַרנאָלד געשטעלט געוואָרן אין די ערשטע רייען פון די אַנטימלחמה־קעמפער. אין דעם ראָמאַן ברענגט דער מחבר אַ ריי מזרח־אייראָפּעישע יידן, וועלכע ווערן געשילדערט מיט גרויס האַרציקייט און סימפּאַטיע. דעם רעאַלן צוגאַנג און ווירקלעכע אָפּשפּיגלונג פון דעם אויטענטישן ייד, האָט ער צו פאַרדאַנקען זיין נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט דער "ווילנער טרופּע".

זיין ערשטער גרויסער דערפאָלג דערמוטיקט צווייגן צו שאַפן אַ ריי ראָמאַנען, צווישן וועלכע עס פאַרנעמט אַ בכבודיק אָרט זיין גרויס לעבנס־ווערק "די

גרויסע מלחמה פון די ווייסע מענטשן". אויף דעם ווערק האָט ער געאַרבעט פיל יאָרן ביזן אויסברוך און אַפילו אין אָנפאַנג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווען ער האָט פאַרענדיקט דעם ציקל פון אַ ריי ראָמאַנען. דאָס איז אַ גרופּע אין באַשטאַנד פון זעקס בענד: "די יונגע פרוי פון 1914", "די דערציונג אונטער ווערדען", "די צייט איז רייף", דער שטרייט אַרום סערזשאַנט גרישאַ", "אַ מלך ווערט אָװעקגעזעצט" און "די פייער־הפסקה".

ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט הייבן זיך אָן אַרנאָלד צווייגס וואַנדערונגען. ער פאָרט אַריבער קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. נאָך דעם־שווייץ און פראַנקרייך. די נאַציס "פּאָלגן" אים נאָך ווו זיי באַוויזן אַריינצוקריכן מיט זייערע שמוציקע נעגל, און צוויג פאָרט אַריבער קיין ענגלאַנד. אויך דאָ פאַרהאַלט ער זיך נישט לאַנג און באַזעצט זיך אין ארץ ישראל. ערשט אין יאָר 1948, ווי אַן איבערצייגטער אַנטיפאַשיסט און גרויסער אַנטי־מלחמה קעמפער קערט ער זיך אום קיין מזרח־דייטשלאַנד און באַזעצט זיך אין בערלין.

אין דער דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין צוויגס לעבן. גלייכצייטיק מיט זיין פּרוכטבאַרער ליטעראַרישער טעטיקייט נעמט ער אַקטיוו אָנטייל אין קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער ווערט אויסגעווילט אַלס דעפּוטאַט פון דעם אַזוי גערופענעם פאָלקס־פּאַרלאַמענט און ווערט פּרעזידענט פון דער קונסט־אַקאַדעמיע. אין יאָר 1950 באַקומט ער דעם נאַציאָנאַלן פּריז און אין יאָר 1958 ווערט ער באַלוינט מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער לענין־פּרעמיע פאַר שלום. פון נאָך דער מלחמה ביזן סוף פון זיין לעבן איז ער געווען אַ מיטגליד פון אַלוועלטלעכן שלום־ראַט. מע דערציילט, אַז אַרנאָלד צוויג, באַקומענדיק די לענין־פּרעמיע, האָט זיך געוואָט געוווּנדערט, וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיין קאַמף פאַר שלום ניט די פּרעמיע פון נאָבל־קאָמיטעט, נאָר פון אַ באָלשעוויסטישן פירער.

אַרנאָלד צוויג האָט קיין מאָל נישט פאַרלייקנט זיין יידישן אָפּשטאַם. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ ייד און זיך שטענדיק אינטערעסירט מיט יידישע פּראָבלעמען. ער האָט ניט איין מאָל פאַראורטיילט דעם נאַציזם און אַנטיסעמיטישע העצעס, ער האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן אויף דער אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל. אַרנאָלד איז געווען איינער פון די ערשטע, וועלכער האָט מיט שטאָלץ און ווירדע אויסגערעכנט אַלע יידישע וויסנשאַפטלער און געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס האָבן אין זייער צייט באַרייכערט די דייטשישע קולטור און אַריינגעטראָגן אַ קאָלאָסאַלן חלק אין דער אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע. ער איז געווען איבערצייגט, אַז עס וועט קומען אַ נייע צייט ווען עס וועט אָנערקענט ווערן דערביישטייער פון יידישן פאָלק אין דער אַנטוויקלונג פון דער וועלט און דעם אויפקום פון נייע גדולי הדור.

דעם 26 נאָוועמבער 1968, אין עלטער פון 81 יאָר, איז ער אַוועק אין דער אייביקייט. עס איז אַוועק אַ שרייבער. אַ הומאַניסט, וועלכער האָט מיט זיינע שאַפונגען געצייכנט די סתירותדיקייט אין אונדזער קאָמפּליצירטער עפּאָכע.

שרה טרייסטער מאָסקאָוויטש

## מיין מאַמעס זופּן־טעלערס

מיין מאַמעס זופּן־טעלערס זענען אַזוי שיין געווען,
זיכער ביליגע, אָבער אויסגעזען ווי אמת פּאָרצעליי,
פון אַ פינף־און צען־סענט קראָם.
אַרום דעם פלאַכן שיסל־ראַנד
האָבן קליינע ראָזע און געלע רויזן געטאַנצט
אַריין און אַרויס פון פאַלשן גאָלד געדרוקטן ראָם,
רונד אַרום אירע גוטע זופּן
וואָס האָבן קרענק געהיילט
און געזונט געשטאַרקט.

אירע זופּן, מיט ליבע קאָנדעסירט
האָט זי מיט וואַרעמקייט סערווירט:
לאָקשן־זופּ, קרופּניק, און זיס און זויער באָרשט.
איך הער איר צאַרטע שטימע ווי זי רעדט מיר איין
"נו, עס טייערינקע
בלויז נאָך צוויי לעפעלעך,
אַ געזונט אין דיינע ביינדעלעך!"

דאָס פענצטער אין דער ניי־זיילאַנד־קראָם איז אַ באַלאַגאַן
פון אַלטע ביכער, פלאַטעס, ליאַלקעס, ראַדיאָס און קליידער,
אינעווייניק איז די לופט פאַרשטויבט, געדיכט און פייכט
פון אויסגעטראָגענע, אָפּגענוצטע, פאַרלאָזענע זאַכן,
אַ טיש מיט גלעזער און וואַזאַנעס מיט שפּאַלטן,
און פאַרשיידענע טעלער. איך דערקען
אַ זופּן־טעלער וואָס זעט אויס באַקאַנט,
איך נעם עס אין מיין האַנט.
איך זע מיין מאַמע ווי זי קומט מיר אַנטקעגן
אין איר פשוטן געבלומטן פאַרטוך,
אירע האָר געקרייזלט ברוין - נאָך נישט פאַרווייסט,
זי שטעלט אַוועק פאַר מיר אַ טעלער זופּ.

איך ווייס נישט ווער האָט איר געגעבן דעם טאַלאַנט צו זיין מאַמע,
איר מוטער, געשטאָרבן אין מיין מאַמעס צענטן יאָר?
די באָבע, אַוועק ווען זי איז נאָר צוועלף געווען?
פון וועמען האָט זי געירשנט
די ליבע מוטערלעכע מעלות
וואָס זי האָט מיר געשענקט אין טעלער

מיט ברכות אָנגעגאָסן.
גאָלדענע לאָקשן־זופּ
״עס טייערינקע״,
קרופּניק ברוין און דיק
״בלויז נאָך צוויי לעפּעלך״,
רויטע זיס־און זויער־באָרשט
פון קרויט און בוריקעס,
״אַ געזונט אין דיינע ביינדעלעך״.

כ׳האָב גענומען דעם טעלער איןביידע הענט
און צוגעטראָגן צום ליכט פון דרויסן,
קליינע שפּאַלטן האָבן מיר דערמאָנט
אין מיין מאַמעס שאָרסטקע הענט אין ווינטער
זייער גערוך פון קנאָבל ווען זי פלעגט מיט נאַסע האַנטוכער
מיך קילן ווען איך האָב היץ געהאַט.

כ׳האָב נישט געקויפט דעם טעלער אין ניי־זיילאַנד,
דער וואָס ליגט מיר אין זכרון
איז אָן קיין שום פעלער
און כישופדיק בלייבט שטענדיק פול.
11/02/06

---

אליביידער / ירושלים

## אַ וויכוח

די לבנה אין דאָס פענצטער
פירן אַ וויכוח הייסן
ווער פון זיי איז פאַר דעם מעטנשן
וויכטיקער, נישט אָפּצורייסן.

זאָגט לבנה, אַז נאָר זי
ווען אַרום איז נאָך שטאַרק פינצטער
לייכט דעם מענטשן ביז אין דער פרי
דורך זיין זייער קליינעם פענצטער.

נאָר דאָס פענצטער האַלט זיך גרויס,
ווייל עס ווייסט שוין פון פאָרויס:
וואָלט דאָס פענצטער נישט געווען,
שיין דער מענטש וואָלט נישט געזען.

און וואָס שייך זון דער הייסער,
זאָגן זיי כאָטש עפּעס וואָס?
יעדער האַלט זיך פאַר אַ ווייסער,
רעדט פון צווייטן מיט פאַרדראָס.

* * *

עס איז אָפט אַזוי אין לעבן,
יעדערער איז איבערצייגט:
אַז גראָד ער קען מערער געבן
און ער מיינט, אַז ער נישט לייגט.

עקיבא פישבין / ירושלים

# לעאָפּאָלד - דער טאַטע פון וואָלפגאַנג אַמאַדעוס מאָצאַרט

די מאָצאַרטישע נגינה - עפּעס פליסט זי אַזוי לויטער און שמחתדיק, עלעהיי, ווי פון אַ רווישנדיקן קוואַל פון מים־חיים. פּאַר אַ מעלאָמאַן מיט אַן אויער איז די דאָזיקע מוזיק אַ יום־טובדיקער תענוג.

נו־מאַ, וואָס איז דאָ שייך צו רעדן, דאָס האָט דער שר הנגינה אין די הימלען געזאָרגט מאָצאַרט זאָל זיין אַ מלאך פון קלאַנגען.

און דאָך, וואָלט נאָר צוקאָפּנס אים נישט געשטאַנען זיין טאַטע לעאָפּאָלד, דער אויסגעצייכנטער פּעדאַגאָג; ער האָט דאָך דער ערשטער דערשנאַפּט דאָס גאונות פון זיין קינד, אים גלייך גענומען אין די הענט אַריין, געשליפן זיין געטלעכן טאַלאַנט, פּאָלירט די פענאָמענאַלע פעיקייטן זיינע, און דאַן געפירט אים איבער שטעט און לענדער, אין פּרינצישע און רייך־בירגערלעך הייזער אַריינגעבערענגט.

יאָ - ווען נישט די טירחא פון טאַטן, דעם גלענצנדיקן מורה דרך, ווער ווייסט, אויב וואָלפגאַנג אַמאַדעוס וואָלט אויסגעוואַקסן דער ווונדערלעכער מאָצאַרט.

ובכן איז כדאי צו וואַרפן אַ בליק אויף די פיגור פון לעאָפּאָלד מאָצאַרט. לאָמיר אַ קוק טאָן און זען, ווי אַזוי האָט זיך דאָס אויסגעפורעמט אַזאַ סאָרט מענטש.

לעאָפּאָלד מאָצאַרט (1787-1718) איז געבוירן אין דער דייטשישער "פריישטאַט" אַוגסבורג אין אַ פאָלקסטימלעכער היים פון באַלמעלאָכעס: חיונה האָבן טאַטע און זין געצויגן פון איינבינדעריי.

דער איינציקער אין דער משפחה, וואָס האָט געלערנט מוזיק, איז געווען לעאָפּאָלד - און דאָס - על פי צופאַל. עפּעס האָט דאָס מזל פון לעאָפּאָלדן געוואָלט, אַז צו דער טויפונג זאָל אים אונטערטראָגן דער הויפּט־גלח פון דער אַוגסבורגער קאַטעדראַלע. אַ סנדק, בטבע, ווערט אַ שטיקל צד אין דער משפחה, נו, האָט דער גלח, דער סנדק, באַשלאָסן - ער נעמט דעם קליינעם לעאָפּאָלד אין זיינע הענט אַריין און מאַכט פון אים אַ מענטש - ער וועט ביי אים ווערן אַ גייסטלעכער, ס'הייסט אַ פאַרזאָרגטער מענטש מיט אַ לייטישע פּרנסה, אויפן גאַנצן לעבן.

קודם כל, האָט דער גלח לעאָפּאָלדן אַריינגענומען אין דעם קאַטעדראַל־כאָר נו - איז עפּעס האָט ער אין אים דערטאַפּט אַ שטימעלע. חוץ מזה, האָט ער דעם קליינעם אַריינגעגעבן אין אַ שול, ער זאָל לערנען לאַטיין און גריכיש, געזאַנג און שפּיל אויף אָרגל. גאַנץ שנעל איז דער קליינער לעאָפּאָלד געוואָרן אַ גוטער אָרגל־שפּילער. געזען, אַז דאָס בחורל איז פעיק צו מוזיק, האָט מען שוין מיט אים גענומען קנעלן די הלכה פון קאָמפּאָזיציע.

הקיצור - לעאָפּאָלד איז אַריין אין דער מוזיק מיט ביידע פיס! מוזיק איז געוואָרן זיין לעבן! ובכן, אַ גלח ווערן, וועגן דעם האָט ער שוין מער נישט געטראַכט. זיין שטרעבונג איז געווען - ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער מוזיקער. איז דאָך אָבער די מעשה - ווי אַזוי וואָגט מען מודיע זיין דעם טאַטן, אַז ער איז מוחל די גליקן פון אַ גלח... ער וויל ווערן אַ מוזיקער. דער טאַטע - ער צעברעכט אים די ביינער... האַ? הער נאַר, וואָס זיין זון וויל טאָן - אָפּלאָזן וויל ער אַ פּרנסה ברווח! -אַ קלעזמער גאָר וויל ער ווערן... פאַלן אויפן פּנים פאַר אַ שטיקל ברויט וויל ער...

יאָ - לעאָפּאָלד האָט געוווסט, אַז אין שטוב וועט זיך טאָן חושך: דער טאַטע וועט נישט דערלאָזן ער זאָל ווערן אַ מוזיקער... איז ער געפאַלן אויף אַ געדאַנק - ער וועט זאָגן דעם טאַטן, אַז ער האָט בדעה צו ווערן אַ געבילדעטער גלח, דעריבער גייט ער אַוועק אויף אַן אוניווערסיטעט לערנען טעאָלאָגיע. אָבער נישט אין אויגסבורג. זאָל ער נאָר זיין ווייטער אַ ביסל פון טאַטנס אויגן... עפּעס איז לעאָפּאָלדן סתם נמאס געוואָרן צו לעבן אין אויגסבורג... ווייל - די איצטיקע "פרייַשטאָט" איז שוין ווייט נישט די גלאַנצפולע שטאָט אויגסבורג פון אַ מאָל, דער מעכטיקער האַנדלס-צענטער פון אייראָפּע, די פינאַנסן-שטאָט מיט דער באַנקיר-פאַמיליע, די פוגערס, זיי האָבן דאָך דריי הונדערט יאָר צייט גערודערט אַ וועלט! אויגסבורג איז שוין נישט מער דער וויכטיקער קולטור-צענטער פון דייטשישן רענעסאַנס, ווו געלעבט און געשאַפן האָבן אַזעלכע קאָפּ-מענטשן, ווי מעלאַנכטאָן און אַנדערע, וואָס האָבן געזוכט צו רעפאָרמירן דאָס קריסטנטום. אויגסבורג איז שוין מער נישט דער מקום פון קונסט, ווי געווען, בעת געלעבט און געשאַפן האָבן דאָ אַ צייט די מייסטער האָלביינס. אויגסבורג איז געוואָרן אַן אָפּגעדאַווונטע, פאַרשלאָפענע שטאָט. אַ לייטיש ביסל מוזיק איז אַפילו נישטאָ ווו צו הערן. בלי שום ספק - אויגסבורג איז פאַר אַ מוזיקער נישט קיין צוקונפט.

דעריבער האָט לעאָפּאָלד באַשלאָסן לערנען טעאָלאָגיע אויפן באַרימטן אוניווערסיטעט אין זאַלצבורג. אמת - זאַלצבורג איז נישט קיין קרך: זאַלצבורג איז אָבער דאָך אַ זעלבשטענדיק פּרינצנטום: איינס פון די צאָלרייכע פרייַע מלוכות און מדינות אינעם דייטשישן לעבנסרום.

כידוע איז דאָך אין 18-טן י"ה דאָס מינדעסטע פּרינצל אין די דייטשישע לענדער אַן "אויפגעקלערטער" טיראַן: ער פירט זיך גרויסאַרטיק - ער בויט שלעסער לויטן מוסטער פון פראַנצויזישן ווערסאַל: פירט אַ גרויסאַרטיקן הויף, האַלט אַ גרויסן אָרקעסטער, אַן אָפּערע-טעאַטער מיט אַ באַלעט. פון די ווייטע מרחקים פלעגט אַזאַ פּרינצל רופן צו זיך קינסטלער זיי זאָלן אים פאַרזיסן דאָס לעבן...

זאַלצבורג איז טאַקע צו יענער צייט נישט מער ווי אַ שטעטל ביי די צען טויזנט איינוווינער - דאָרט הערשט אָבער אַ פּרינץ פון דער קירכע, און ער האָט ליב פאַרגעניגנס; און אויך די עטלעכע משפּחות פון הויכן אַדל - זיי צענעמען זיך די הענט און מאַכן אַ פאַרשווענדעריש לעבן.

יאָ, דאָס פּרינצטום זאַלצבורג איז אַ ברויט מיט אַ מעסער פאַר אַ מוזיקער

און אַ שפּרינגברעט צו אַ מוזיק־קאַריערע! נאָך אַ קורצער צייט לערנען טעאָלאָגיע אויפֿן זאַלצבורגער אוניווערסיטעט האָט ער אָפּגעלאָזט די דאָזיקע תורה און זיך גענומען צו יוריספּרודענץ - און אויך דאָס איז אים נמאס געוואָרן שנעל. אים האָט געצויגן צו מוזיק.

אַ הונגעריקער, אָן שום מיטלען צו לעבן, האָט לעאָפּאָלד פֿאַרלאָזט דעם אוניווערסיטעט, געוואָרן אַ קאַמערדינער ביי אַ הויך אַדעליקן אין זאַלצבורג... און ער האָט געמאַכט דעם ערשטן טריט צו ווערן אַ מוזיקער דהיינו? לפי דער געוווינשאַפֿט, אין יענע יאָרן, פֿלעגט אַ גוטער הויז־משרת באַדינען דעם באַלעבאָס... אויך מיט מוזיק. (אַט, למשל, אַן אַנאָנס אין "ווינער קוריער" אין 18־טן י"ה - "אַ רייכע באַלעבאַטישע משפּחה זוכט אַ לאָקיי מיט גוטע קענטעניש פֿון פֿידל־שפּיל). הכלל - לעאָפּאָלד האָט דעם הויכן אַדעליקן אין זאַלצבורג געוואַשן און אָנגעטאָן, און באַדינט אויך מיט מוזיק־פֿאַרגעניגנס - ווי אַ שטייגער - מיט שאַפֿונגען פֿון אייגענער קאָמפּאָזיציע. אין עלטער פֿון 21 יאָר האָט לעאָפּאָלד דעם באַלעבאָס זיינעם געשענקט אַ קאָמפּאָזיציע מיט אַ ווידמונג בזה הלשון.

"פֿאָטערלעכע זאָנגע! מיט דיין פּעולה פֿון חסדים האָסטו מיך אַרויסגענומען פֿון אַ פֿיינלעך־פֿינצטערע נויט און אַרויפֿגע־געפֿירט אויף אַ וועג פֿון גליק!"

און אַז לעאָפּאָלד האָט מיט מזל זיך שוין אַרויפֿגעדראַפּעט "אויף אַ וועג פֿון גליק" - האָט ער שוין פֿאַר זיין אַדעליקן געשאַפֿן קאַנטאַטעס, קירכע־מוזיק און מוזיק צו אַ דראַמע; געזען, אַז דער בחור האָט טאַלאַנט, האָט די "פֿאָטערלעכע זאָנגע" באַוויזן נאָך אַ "פּעולה פֿון חסדים" - אים רעקאָמענדירט פֿאַר אַ פֿידלער צום סאַמאָראָדנעם הערשער פֿון זאַלצבורג. ווען לעאָפּאָלד איז אָנגעקומען, ווי אַ מוזיקער, אין דינסט צום זאַלצבורגער הערשער, נו - האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז מיט מזל שוין אַ מענטש וואָס שטייט אויף די אייגענע פֿיס. און ער האָט באַשלאָסן - געקומען איז די צייט צו פֿאַרלייגן אַ משפּחה.

די מוזיקאַלישע דינסט ביים הערשער פֿון זאַלצבורג איז טאַקע געווען אַ דערגרייכונג, אין גאָלד אָבער איז לעאָפּאָלד ביי אים נישט אַרומגעשווימען. כדי צו באַשפּייזן ווייב און קינדער איז לעאָפּאָלד געוואָרן אַ לערער פֿון מוזיק. מילא, אַ פּעדאַגאָג איז לעאָפּאָלד געווען - אַ זעלטענער! זיין לערנבוך - די מעטאָדע פֿון פֿידל, שפּיל האָט באַקומען אַ שם ווייט אַריבער די גרענעצן פֿון זאַלצבורג. נאָך ביים לעבן איז לעאָפּאָלדס לערן־מעטאָד דערשינען אין פֿראַנצויזיש און האָלענדיש; זי האָט דערלעבט צו גאַנצע פֿינעף אויפֿלאַגעס.

היות דער פּרינץ, דער הערשער פֿון זאַלצבורג, האָט געזען מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, האָט ער לעאָפּאָלדן דערהויבן צו דער מדרגה פֿון אַ "האָף־קאָמפּאָניסט", און לעאָפּאָלד האָט גענומען "קאָמפּאָנירן" - שאַפֿן מוזיק צו פֿאַרווײַלן די געסט פֿון פּרינצישן סאַלאָן, לויטן נוסח פֿון יענע יאָרן. ער האָט געשאַפֿן הונדערטער מענועטן, באַלעט־מוזיק, מיליטערישע מאַרשן, ווי אויך מוזיק פֿאַר דער קירכע.

אָן עדות פֿון יענע יאָרן דערציילט, אַז לעאָפּאָלד און זיין פֿרוי - אַ געבענטשטער זיווג מן השמים - האָבן געפֿירט אַ גליקלעך, צופֿרידן לעבן. צו

קינדער האָבן זיי, ליידער, קיין מזל נישט געהאַט. די קינדער־שטערבלעכקייט פון יענע יאָרן האָט זיך אויף זיי אָנגעזעצט, און פון די זיבן קינדער זייערע זענען פאַרבליבן ביים לעבן בלויז צוויי: דאָס עלטערע מיידעלע מיטן פאַרצויגענעם נאָמען – נאַנערל, און דער לעצט געבוירענער וואָלפגאַנג – צוויי וווּנדערקינדער פון מוזיק. מילא – מיט פעיקייטן זענען זיי באַשאָנקען געווען – פלא פלאים!

מחמת דעם גליקלעכן צוזאַמענלעב פון טאַטע־מאַמע האָט אין דער היים געקיניגט אַ וואַרעמע אַטמאָספער. אין דער אָ היים, אַ באַזוניקטע מיט אייביקע קלאַנגען פון מוזיק – איי! – איז דאָרט געווען אַ מחיה! אַ פרייד איז דאָרט געווען צו לעבן! נו – האָבן זיך שוין די צוויי קינדער געכאָוועט, עלעהיי ווי אַ צווילינג פאַרבונדן. אַז מוזיק איז געווען זייער לעבן, איז קלאָר ווי דער טאָג. דריי יאָר איז וואָלפגאַנג אַלט געווען, ווען זיין טאַטע האָט אים אַוועקגעזעצט צום טשעמבאַלאָ (דער "טאַטע" פון קלאַוויר): צו פינעף יאָר שרייבט שוין וואָלפגאַנג אַליין מוזיק! נאַנערל איז איז שוין צו דער צייט אַ גאַנצע ווירטואָזין.

אַוודאי – די צוויי קינדער זענען געווען גאונים. לעאָפּאָלד האָט אָבער אין זיי אינוועסטירט שפּאָרע כוחות. ביים פאַלירן דאָס גאונות פון זיינע צוויי קינדער האָט זיך אויסגעשליפן דער פּעדאַגאָגישער טאַלאַנט זיינער. און אַז ווען לעאָפּאָלד, דער גלענצנדער פּעדאַגאָג, האָט דערשנאַפּט מיט אַ וואַך אויג אַז אין דעם קליינעם וואָלפגאַנג שטעקט אַן איבעראַשנדיק געפיל פאַר מוזיק – דאָ האָט ער שוין אויף אים געהאַלטן אַן אויג. און ער האָט אים גענומען לערנען שפּילן פידל און אָרגל: ער האָט אים אויך צו ביסלען אַריינגעפירט אין הלכות קאָמפּאָזיציע, ער זאָל אויסוואַקסן אַ מוזיקער – אַ שאַפער.

דער קליינער וואָלפגאַנג האָט געשלונגען אַלץ וואָס דער טאַטע האָט געלערנט; און די רעזולטאַטן זענען געווען אומגעהייערע.

ווען ער איז זעקס יאָר אַלט געווען האָבן טאַטע־מאַמע באַשלאָסן, אַז "דאָס מופת מאָצאַרט" דאַרף זען די וועלט! און ס'איז אַוועק אַ גאַנג! מען איז אַרויס איבער וועגן, וואָס פירן צו די צענטערן פון מוזיק.

עטלעכע יאָר צייט האָט די מאָצאַרט־משפחה, זומער און ווינטער, גערייזט איבער מערב־אייראָפּע: געווען אין דייטשלאַנד און עסטרייך, אין פראַנקרייך, בעלגיע און האָלאַנד, געווען אין שווייץ, געווען אין איטאַליע און אין ענגלאַנד. געשפילט האָבן די צוויי קינדער אין שלעסער פון געקרוינטע קעפּ, אין סאַלאָנען פון דער הויכער אַריסטאָקראַטיע און אין היימען פון רייכע סוחרים און באַנקירן (און אויך אין רייכע יידישע היימען). דער עולם איז געווען איבעראַשט ביז גאָר!

מילא – פון וואָלפגאַנג, דעם קליינעם ווירטואָז און... קאָמפּאָזיטאָר – פון אים האָט מען דאָס אַ ביסל געקוואָלן!

וואָלפגאַנג, דער זיבן יעריקער "קליינער פאַרשוין אין פאַריקל און אַ שווערד... – ער האָט דאָס געמאַכט אַן איינדרוק!" – דערמאָנט זיך דער אַלטער פּאָעט געהטע, וואָס האָט, אַ בחור פון פערצן יאָרן ביי געווווינט, אין זיין שטאָט פראַנקפורט־אַם־מיין, אַ קאָנצערט פון דעם "קליינעם פאַרשוין". דער איינדרוק גייט אים נישט אַרויס פון זכרון.

איבעראַשט איז דער דייטשישער שרייבער גרים. ער שרייבט אין אַ באַריכט פון אַ קאָנצערט אין פּאַריז, אַז "דער קוים זיבן יעריקער מאָצאַרט איז אַ זעלטענער פענאָמען! ער שפּילט דאָך אַ גאַנצע פּליקע שעה אָן אַריינצוקוקן אין די נאָטן, און גלייך טוט ער אַריינלאָזן זיך אין ווונדערלעכע אימפּראָוויזאַציעס. ער איז דאָך אויף אַן הוספה - אַ קאָמפּאָזיטאָר אויך"

הכלל, די צוויי ווונדערקינדער פון די מאָצאַרטס האָבן איבעראַשט די וועלט. די גליקלעכע דאַמען האָבן די קינדער נישט אָפּגעלאָזט - זיי געהאַלדזט און געקושט. אָט, שרייבט ער אין אַ בריוו צו אַ פריינד, לעאָפּאָלד: - "וואָלטן נאָר די קושן, מיט וועלכע מען באַדעקט די קינדער, און דער עיקר, דעם מייסטער וואָלפגאַנג, געווען גאָלדענע רענדלעך, וואָלטן מיר געווען גליקלעכע מענטשן. דער בעל־אכסניה און דער קוטשער, זיי זענען נישט מסכים מען זאָל זיי באַצאָלן מיט... קושן".

היוצא מן הדברים - דער מאַטעריעלער ריווח פון די קאָנצערטן איז נישט געווען איבעראַשנדיק...

יאָ - לעאָפּאָלד איז ביי דעם עסק נישט געוואָרן קיין עושר... זאָל מען חושך זיין לעאָפּאָלדן, דעם איבערגעגעבענעם און וואַרעמען משפחה־מענטש, אַז זיינע קינדער האָט ער געפירט איבער די וועגן פון אייראָפּע, זומער און ווינטער, זייער געזונט געשטעלט אין געפאַר בכדי צו ווערן אַן עושר? פאַרשאַכערן דאָס גאונות פון זיינע קינדער האָט ער געמיינט? ניין!

נישט דאָס האָט לעאָפּאָלד געהאַט בדעה. זיין געדאַנק איז געווען פון אַן אידעלערער מדרגה: געווען איז דאָס אַ פאַרטראַכט פון אַ געניטן פּעדאַגאָג.

לעאָפּאָלד, דער פּעדאַגאָג, דער מבין אויף וואָלפגאַנס נייגער צו מוזיקאַלישע נייעסן, אויף זיין פענאָמענאַלן אויפנעם און זכרון, האָט פאַרשטאַנען און געוווסט, אַז רייזעס, וואָס זענען פאַר אַ קינסטלער מבחינת שולע, זיי וועלן דעם קליינעם זון זיינעם באַרייכערן! לעאָפּאָלד האָט קיין טעות נישט געהאַט.

די רייזעס האָבן דעם קליינעם וואָלפגאַנג באַרייכערט; ער האָט באַקענט אַ וועלט מיט מוזיקאַלישע נייעסן, ער האָט די נייעסן איינגעזאַפּט, און ער איז שעפעריש געוואַקסן.

אויב איז געוואָרן פון וואָלפגאַנג אַמאַדעוס דער גרויסער מאָצאַרט, שטעקט אין דערין, אין אַ גרויסער מאָס, די האַנט פון זיין טאַטן - לעאָפּאָלד - דעם גרויסן פּעדאַגאָג.

אונדזער לאַנגיאָריקן מיטאַרבעטער, דעם שרייבער, ערודיט

**עקיבא פישבין**

האַרציקע גרוסן און וווּנטשן צו זיין 90־סטן געבוירניאָר.

עד מאה ועשרים!

"חשבון"

שמחה סימכאָוויטש / טאָראָנטאָ

# באָריס קאַרלאָוו – אַ דיכטער בן־דיכטער

איינע פון די פּאַראַדאָקסן אין דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור איז וואָס דווקא פון סאָוועט־רוסלאַנד, און ניט פון מדינת ישראל אָדער די תפוצות, איז אויפגעקומען אַ נאָכוווקס פון ייִנגערע יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן. צווישן זיי איז כדאי צו דערמאָנען דעם ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם אלכסנדר בעלאָוסאָוו, אַ רוס וואָס איז מגולגל געוואָרן אין אַן עכטן יידישן פּאָעט; די דיכטער לעוו בערינסקי און וועלוול טשערנין, און אוודאי דעם אָריגינעלן פּראָזע־שרייבער און רעדאַקטאָר פון יידישן "פאָרווערטס" באָריס סאַנדלער, און נאָך.

צווישן אָט דער גרופּע טיילט זיך אויס באַזונדער דער דיכטער דוב־בער קערלער, דער זון פון באַרימטן יידישן פּאָעט יוסף קערלער, וואָס פאַרעפנטלעכט זיינע פּאָעטישע שאַפונגען אונטערן פּען־נאָמען באָריס קאַרלאָוו. יוסף קערלער, וואָס האָט נאָכן אַרויסרייסן זיך פון דער סאָוועטישער פאַרשפּאַרונג געלעבט און געשאַפן אין ירושלים, האָט זוכה געווען, אַז זיין זון זאָל ממשיך זיין צו באַפרוכפּערן דאָס יידיש־פעלד סיי ווי אַ מלומד, אַ פּראָפעסאָר פון יידיש אין אינדיאַנאַ אוניווערסיטי אין די פאַ"ש, און סיי ווי אַ נייער און אייגנאַרטיקער דיכטער. נאָך ווען יוסף קערלער האָט געלעבט, האָבן ביידע, פאָטער און זון, אַרויסגעגעבן אַ בשותפותדיק לידערבוך, וואָס האָט בשעתו אויסגענומען ביי פיל לייענער און קריטיקער און אָנגעזאָגט דאָס דערשיינען פון אַ נייעם יידישן דיכטער.

איצט האָט דוב־בער קערלער, ווידער, אונטערן פּסעוודאָנים באָריס קאַרלאָוו, אַרויסגעגעבן זיין ערשטע אייגענע לידער־זאַמלונג "עלאַבערעק, לידער פון נייעם יאָרטויזנט" (ירושלים, 2006). דאָס ביכל פון 103 זייטן, אין ווייכן איינבונד, מאַכט תיכף אַ גוטן רושם סיי מיט דער אויסערלעכער עסטעטישקייט און סיי מיט דעם אָפּגעהיטענעם יידיש־לשון.

ווי יעדער עכטער דיכטער, איז אויך באָריס קאַרלאָוו דורכגענומען מיט "וועלט־שמערץ", מיטן אייגעשטילטן דיסטילירטן טרויער איבער דעם מענטשנס אייביקע לעבנס־חידה פון אויפקום און פאַרגיין. דער דיכטער ראַנגלט זיך גובר צו זיין דעם טרויער, צו שמעלצן, ווי ער שרייבט, דעם "פראָסט אין האַרצן" און אים פראַוואַנדלען אין ליכט און אין טרייסט. ער באַפעלט:

שטאַרב, טרויער, שטאַרב!<br>
שוין צייט פאַר אַ נייעם,<br>
פרישן מאָרגן!<br>
הער שוין אויף<br>
מיטן סקאַוואָטשענדיקן<br>
טרויער־מאַרש<br>
וואָס מאַכט די ליכטיקסטע ליכט

פון דער גרויסטער גרוי גרויער! (ז, 63)

מיטן כוח פון ליד וויל דער דיכטער ווערן "אַ שמייכלדיקער גיבור, וואָס הויבט אויף זיינע פליגל / הויך און שטאַרק / און פליט בשלום איבער / דעם שוואַרצן תהום / פון טרויער". (ז' 81)

באָריס קאַרלאָוו הייבט אַרויס זיין אינערלעכע צוגעבונדקייט צו יידיש־לשון וואָס איז לא על תנאי. ער ווייסט אַז דער עסק פון שרייבן אין יידיש איז ניט קיין געהויבענער אין דער היינצייטיקער יידישער ווירקלעכקייט, אָבער פאַר אים איז ער נאָך "כדאיער פון כדאי" (ז' 7). וועגן מצב פון יידיש שרייבט ער:

איך האָב געזען ווי מיין לשון שטאַרבט,
נאָר ווי לעבעדיק עס פיבערט די כלומרשטע גסיסה -
אָן אַ ברעקל סימן פון פאַרדאַרב
די אויסגעבענקטע קלאַנגען
ווי כביכולדיק זיי פליסן (ז' 47).

באָריס קאַרלאָוו נעמט אָן דעם אַרויסרוף פון דער איצטיקער ביטערער ווירקלעכקייט מיט עקשונתדיקן שטאָלץ, אַז שאַפן אויף יידיש וועט ער סיי ווי. ער גלייבט אַז:

כל־זמן איך בלייב ניט שטום
ניט ווערן וועט אַ תל
מיין פרישער שורה גרוס
וואָס כ'שיק זיי
ווירטועל (ז' 51)

אַ גרויסע מעלה פן באָריס קאַרלאָווס לידער איז זייער צימצום, די שפּאָרזאַמקייט פון וואָרט, וואָס זאָגט אַ סך אין ווייניק ווערטער. אין זיינע לידער גייט געפּאָרט דער אַלטער פאָלקסטימלעכער טאָן פון יידישן ליד מיטן דרייסטן אָטעם פון אַן אַוואַנגאַרד־דיכטער פון נייעם יאָרטויזנט. ניט געקוקט אויף זיין נאָוואַטאָרישקייט באַנעמט דער יונגער דיכטער, אַז דער עיקר אין ליד איז די עכטע איבערלעבונג, ווייל:

אַ ליד איז בטחון
וואָס צעקלינגגט זיך מיט ספקות
פון אַ האַרץ אַ צעבראָכנס
ערב אויפשטייג פון דבקות (ז' 87)

מיט זיינע "לידער פון נייעם יאָרטויזנט" האָט דוב־בער קערלער אַריינגעשריבן אַ פריש און ציטעריק בלעטל אין דעם אוצר פון יידישער דיכטונג. הלוואי זאָל ער אָנגיין אויף דעם דרך ווייטער, מחיל לחיל.

# אונגעקומען אין רעדאַקציע

* **רבקה באַסמאַן בן־חיים:** "לכבוד איך און דו", לידער, ה. לייוויק־פאַרלאַג, תל־אביב 2006. אינעם צוויי־בענדיקן ספר פון קנאַפּע אַכט הונדערט זז' האָט רבקה באַסמאַן בן־חיים איינגעזאַמלט דאָס רוב פון איר פּאָעטישער יצירה, מיט וועלכער זי באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור שוין מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט. אירע לידער זענען פול מיט עמאָציאָנעלער אָנלאָדונג און, ווי עס שרייבט אין זיין "וואָרט פריער" דער דיכטער **אלכסנדר שפּיגלבלאַט** "שרייען (זיי) קיין מאָל ניט, זיי שטורעמען ניט, זיי שטייגן ניט אַרביער די ברעגן. זיי כוואַלין ווי פון אַן אייביקן קוואַל".

רבקה באַסמאַן בן־חיים נעמט אַרום מיט איר פּאָעטישן וואָרט דעם "איך" און דעם "דו", דעם בן־אדם און דעם גאַנצן וועלט־באַשאַף, דעם מענטש, וואָס איז זיין קרוינונג, און דאָס קלענסטע בלימל אין פעלד, מיט וועלכן זי איז אינטים ביז גאָר. דו לייענסט אירע שטילע לידער און דו פילסט ווי "די שטילקייט ברענט", און די דיכטערין "זוכ(ט) אַ טומל / צו פאַרלעשן דאָס געברען / און ראַטעווען די שטילקייט". און ווען די דיכטערין ראַטעוועט די שטילקייט מיט איר געלייטערטן וואָרט, פירט זי איר אייביקן דיאַלאָג מיט דעם "איך" און "דו", און דער לייענער פון אירע לידער איז ממשיך דעם דיאַלאָג מיט דאַנקשאַפט פאַר אַרויסרייסן אים כאָטש אויף עטלעכע רגעס פונעם טאָג־טעגלעכן טומל.

רבקה באַסמאַן בן־חיימס צוויי־בענדיקע לידער־זאַמלונג איז אַן אוצר, וואָס דאַרף זיך געפינען אין הויז פון יעדן יידיש־ליבהאָבער. ביידע בענד, אין האַרטן איינבונד, זענען פאַרזען מיט קאָלירטע אילוסטראַציעס פון רבקה באַסמאַנס פאַרשטאָרבענעם מאַן. דעם באַוווסטן קינסטלער מולה בן־חיים. אויף אַן אַנדער אָרט ברענגען מיר אַ קליינעם אָפּקלייב פון רבקה באַסמאַן בן־חיימס לידער.

* **(דער פייערבאַרג), צוויי־שפּראַכיקע** (יידיש־ענגליש) לידער־זאַמלונג Simcha Simchovitch, "The Fiery Mountain" פון באַקאַנטן יידישן דיכטער **שמחה סימכאָוויטש**, וועלכער האָט אַליין פריי איבערגעזעצט זיינע לידער און פּאָעמעס, געשריבענע אין פאַרשיידענע צייטן, צוזאַמען - הונדערט און צען פּאָעטישע שאַפונגען, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם דיכטערס וואַנדערונגען פון זיין אומגעבראַכטער, דורך די היטלערישע רוצחים, היימשטאָט אָטוואָצק אין פּוילן, דורך רוסלאַנד, וווּ ער איז געווען אין די מלחמה־יאָרן, ביז זיין נייעם היימלאַנד - קאַנאַדע. 250 זז', ווייכער איינבונד, מיט אַ פּאָרוואָרט און בילד פון מחבר, 2006.

ווייטער ברענגען מיר אַ קליינעם מוסטער פון ש. סימכאָוויטשעס אַ ליד אין זיין אייגענער איבערזעצונג.

| | |
|---|---|
| **מאַמע** | **Mother** |
| פון ווייטע מרחקים רוף איך צו דיר, | From afar I call to you, |
| און אומעטום הער איך דיין געוויין; | and everywhere I hear your sobbing, |
| וואָלט איך פליגל געהאַט איצט אויף מיר | If only I had wings to fly |
| צו פליען איבער גרענעצן צו דיר אַהיים! | over all the barriers of years back to you. |

כ׳זע דיך שטיין - אַ ווערבע איינגעבויגן
אויף שוועל פון שטוב, פֿינצטער און אַליין;
באַגלייטסט מיך, מאַמע, אויף אַלע מיינע וועגן,
דיינע טרערן ברענען אין מיין געביין.

I see you on the doorstep of our home,
a bent and solitary willow.
You walk with me, Mother,
your tears burn in my very bones.

* **באָריס קאַרלאָוו**: "עלאַברעק, לידער פֿון נייעם יאָרטויזנט", פֿאַרלאַג "איינגנס", ירושלים 2006, 103 זז׳. דאָס בוך איז אַ גוטער אַריינמאַרש פֿונעם דיכטער פֿון ייִנגערן דור, דעם זון פֿון יוסף קערלער, אינעם נייעם יאָרטויזנט, מיט זיין יונגן, מונטערן ליד. מער וועגן דעם בוך, זע די רעצענזיע פֿון ש. סימכאָוויטש.

* **אהרן שפּיראָ** "אַוועק מיטן ווינט", מעמואַרן און דערציילונגען, ה. לייוויק-פֿאַרלאַג, תל-אביב 2006, 203 זז׳. חוץ די מעמואַרן און דערציילונגען, וואָס פֿאַרנעמען אַן ערך דריי פֿערטל פֿונעם בוך, האָבן מיר דאָ אַ קורצע נאָוועלע, געבויט אויפֿן הײַנטצייטיקן לעבן אין ישראל. אהרן שפּיראָ איז אַ גוטער אָבסערוואַטאָר און דערציילער, זיין פּראָזע איז דורכגעפּלאָכטן מיט אַ דינעם הומאָר, באַזונדערס די דערציילונגען פֿון דער ווייטער קינדהייט. אין בוך איז פֿאַראַן אַ פֿאָרוואָרט פֿון **אלישבע כּן-צדק**.

* **"לעבנס-פֿראַגן"**, סאָציאַליסטישע חודש-שריפֿט פֿאַר פּאָליטיק, געזעלשאַפֿט און קולטור. תל-אביב, יאַנואַר-מערץ 207. רעדאַקטאָר: **יצחק לודען**.

* **"יידישע העפֿטן" נומ׳ 113**, פּאַריז, מערץ 2007. רעדאַקטירט פֿון אַ קאָמיטעט.

* **"דאָס יידישע וואָרט"** "Slowo Zydowskie" וואַרשע, יאַנואַר 2007, קולטור-געזעלשאַפֿטלעכע און ליטעראַרישע צייטשריפֿט. רעדאַקטאָר פֿון פּוילישן טייל: **זביגניעוו סאָפּיאַן**, רעדאַקטאָר פֿון יידישן טייל: **קאָבי ווייצנער**. אין נומער איז פֿאַראַן אַ וואַרעמע געזעגענונג-נאָטיץ פֿאַר דער אָפּטרעטנדיקער רעדאַקטאָרשע פֿון יידישן טייל - **געניע בערגער**.

**מכוח אַלע געשעפֿטלעכע און פֿינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר זיך ווענדן צו אונדזער פֿאַרוואַלטער:

JACOB LEWIN

6365 Orange St • LA, CA 90048
Telephone: 232 939-7379

# בראָניק פון לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור-קלוב

## ווינטער 2006 - פרילינג 2007

* זונטיק דעם 29-סטן אָקטאָבער: אָנהייב פון נייעם קולטור-סעזאָן. לעקציע פון **לילקע מייזנער** אד"ט "דאָס פּאָלק זינגט!" געזאַנג פון **פּעי אַבראַמאָוויטש**, ביי דער פּיאַנע-באַגלייטונג פון **דזשעי האַראָוויץ**.

* זונטיק דעם 19-טן נאָוועמבער: וועגן דער שאַפונג פון דיכטער ה. רויזנבלאַט האָט גערעדט **יעקב באַסנער**, וועלכער האָט אויך פאָרגעלייענט אייניקע פון רויזנבלאַטס לידער.

* זונטיק דעם 3-טן דעצעמבער: לעקציע פון פּראָפ **דזשאַנעט האַדאַ** אד"ט "**עלען גינזבורג** און **צילע דראָפּקין** - אַ פאַרגלייך פון צוויי פּאָעטן".

דינסטיק דעם 19-טן דעצעמבער 7:30 אָוונט האָבן מיר אויפגענומען ליבע געסט - די תלמידים און לערער פון דעם יערלעכן סעמינאַר "די קונסט פון יידיש", אָרגאַניזירט דורך דעם "קאַליפאָרניער אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור און שפּראַך", אונטער דער אָנפירונג פון **מרים קאָראַל**. מיר האָבן אויסגעהערט אַ לעקציע פונעם גאַסט פון פּאַריז ד"ר **יצחק ניבאָרסקי** אד"ט "די דראַמע "ווייצמאַן דער צווייטער" פון אהרן צייטלין, נאָך דעם איז געווען אַ קאָנצערט פונעם ניו-יאָרקער קלעזמער-דואָ **דעבאָראַ שטראַוס** און **דזשעף וואַרשאַוער**. דעם אָוונט האָבן געפירט **לילקע מייזנער** און **מרים קאָראַל**.

* * *

* זונטיק דעם 7-טן יאַנואַר 2007: לעקציע פון דאָקטאָר-קאַנדידאַט **מאַרק סמיט** אד"ט "ווי אַזוי אונדזערע היסטאָריקער האָבן געשאַפן אַן עכט יידישע היסטאָריאָגראַפיע וועגן אונדזער חורבן". נאָך דער לעקציע איז געווען אַ דיסקוסיע.

* זונטיק דעם 18-טן פעברואַר: לעקציע פון **לילקע מייזנער** אד"ט "די געשיכטע פון אַ לעבן" - וועגן דער שאַפונג פון דעם באַוווּסטן ישראלדיקן פּראָזאַיקער **אהרן אַפּעלפעלד**.

* זונטיק דעם 25-סטן פעברואַר - אַ גאַסט פון פילאַדעלפיע, פּראָפ. **מייקל שטיינלאַוף**, האָט גערעדט וועגן "די וואָרצלען פון יידישן טעאַטער". די לעקציע איז אָרגאַניזירט געוואָרן צוזאַמען מיט דעם "קאַליפאָרניער אינסטיטוט פאַר יידישער שפּראַך און קולטור".

* זונטיק דעם 11-טן מאַרץ: לעקציע פון **שרה מאָסקאָוויטש** וועגן דער שאַפונג פון אומגעקומענעם דיכטער **קלמן ליס**. די לעקציע איז אילוסטרירט געוואָרן מיט ליכט-בילדער פון קלמן ליס, יידישע טעקסטן, טייל געפונענע אינעם אונטערערדישן רינגעלבלום געטאָ-אַרכיוו, און די ענגלישע איבערזעצונגען פון **שרה מאָסקאָוויטש**.

* זונטיק דעם 25-סטן מאַרץ: לעקציע פון **הערשל האַרטמאַן** אד"ט "פון קוועטש" ביז "ברענענדיקע ווערטער" - אַ פאַרגלייך צווישן צוויי ביכער "בעסטסעלערט".

# אליעזר שטיינבאַרגס משלים

## דורך די "ברילן" פון אַ לייענער

ווען דער באַדייטונג און אָרט פון שטיינבאַרגס משלים אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן געשריבן און וועלן נאָך שרייבן אומצאָליקע שרייבערס, קריטיקערס און פאָרשערס. איך וויל אויסדריקן מיין פאַרגעניגן פון שטיינבאַרגס משלים, ווי אַ לייענער. יעדעס מאָל ווען מיר ווילט זיך "עפּעס" לייענען, גרייך איך קודם כל צו שטיינבאַרגס משלים. און יעדעס מאָל זעען זיי מיר אויס שענער און אינטערעסאַנטער. איך האָב אַ מאָל געהערט דעם באַוווסטן זאָג: "יידיש רעדט זיך אַליין". דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן שטיינבאַרגס משלים, זיי אַנטציקן מיט דער שיינקייט און פשטות פון דער שפּראַך, די ווערטלעך, באַגריפן, היימישקייט, היינט די שטיינבאַרגישע חכמה! די פּילזייטיקייט פון זיין משל איז איינגעוועבט אין וווּנדערלעכע בילדער. אָט איז, למשל, "דער בעל רחמים", ווו שטיינבאַרג שילדערט אַ לבנה-אויפגאַנג:

"נאַקעט, באָרוועס, אין איין העמד,
האַלב דערשראָקן, האַלב פאַרשעמט,
ווי אַ קינד,
וואָס פאַרפּאָלגט פון אַ בעסטיע
זיך געראַנבלט ערגעצוו אונטער אַ מויער
און זיך אַרויסגעריסן אָקערשט פון דער נעץ פון זינד,
די לבנה שווימט אַרויס אין בלאָע טייכן טרויער,
סע צעשרויפט דיך, סע צענעמט".

אָדער נעמט דעם "ויברח פונעם אייזל", ווו דער דיכטער מאָלט אַ פרימאָרגן-בילד, געזען דורך דער פריזמע פונעם אייזל:

"---מאָרגן בלי-נדר
איידער
פון די שוואַרצע שטאַלן די פאַרכמאַרעטע
פאָרט אַרויס די רויטע קאַרעטע
מיט די ווייסע אייזעלעך,
וואָס זיי קייען ניט קיין גרעזעלעך
נאָר זיי שלינגען שטערן,
ווערטסו הערן"...

און וויפל חכמה ליגט אין דער כלומרשטער פשרה וואָס שטיינבאָרג ברענגט אינעם נמשל צום "נאָדל און דער ביינוול". די נאָדל שטעכט און בייזערט זיך, וואָס דער ביינוול שלעפּט זיך איר נאָך. ענטפערט דער ביינוול:

"-----דער עיקר,
אין מיין זכות האַלטן זיך די שטיקער. ←

# רחל סלוצקי – צו איר אַוועקגיין אין דער אייביקייט

דעם ערשטן פעברואַר 2007 האָט זיך פאַרענדיקט דאָס קאָלירפולע לעבן פון רחל סלוצקי, די פרוי פון מענדל סלוצקי, און די מוטער פון ד״ר הערשל סלוצקי מיט זיין פאַמיליע. אָפּגעלעבט כמעט אַ יאָרהונדערט – אַ לאַנגע צייט אין ציפערן – אָבערן ציפערן בלייבן נאָר אַ טרוקענע דאָקומענטאַציע, וואָס עס שטייט אונטער די ציפערן – איז די פולקייט פון אַ לעבן. און פול איז געווען רחלס לעבן. זי האָט געלעבט אין צייטן, וועלכע האָבן געשאַפן דעם ״ספּעציפישן מענטש״, וועלכן זי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט.

געבוירן אין וואַרשע, פּוילן, געלערנט אין יידישע וועלטלעכע שולן, פאַרכאַפּט געוואָרן פון די נייע וועלטלעכע ווינטן, וואָס האָבן באַצויבערט די יוגנט – און טראָץ דעם, וואָס דאָס לעבן איז געווען שווער, זיינען אירע חלומות געווען רייך – און באַלויבטן די טאָג־טעגלעכע גרויקייט. דאָס פאַרבינדן זיך מיט איר צוקונפדיקן מאַן, מענדל סלוצקי, האָט געשאַפן אַ גאַנצקייט אין זייער לעבנס־וועג. רחל און מענדל האָבן געלעבט מיט די זעלבע טרוימען און צילן – און אין זייער שפּעטערדיקן וואַנדער־וועג, צוזאַמען געשאַפן אַ היים פאַר זייער זון.

רחל, אַ שטאָלצע יידישע קעמפערין פאַר פרייהייט און גלייכהייט, האָט איר גאַנץ באַוווסטזיניק לעבן געהאָלפן פאַרלייכטערן דעם גורל פון אַרבעטער און קינד. נאָך זייער נע־ונד, בעת דער מלחמה, אין פראַנקרייך, פּאָרטוגאַל, און שפּאַניע, באַזעצן זיי זיך אין לאָס אַנדזשעלעס, אַרבעטן אין שניידער־שעפּער, און די פרייע צייט גיבן זיי ביידע אָפּ דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. רחל איז אינסטרומענטאַל אין שאַפן דעם קינדער־טעאַטער ביי דער יידישער מיטל־שול אין ל.אַ., אַרבעט אַקטיוו ביים צוגרייטן קאָסטיומען פאַר די קינדער־פאָרשטעלונגען. רחל איז אויך געווען לאַנג־יאָריקע פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַרין פון אונדזער יידישן קולטור־קלוב, איר צוגעבונדנקייט צום קלוב איז געווען גרענעצלאָז. מיט איר וואַרעמקייט און גאַסטפריינדלעכקייט האָט זי געשאַפן אַ היימיש ווינקל אין זייער שטוב, ווו יידישע שרייבערס צי קולטור־טוערס זיינען געווען אָפטע געסט. רחל און מענדל האָבן ״אַדאָפּטירט״ פריינד, אָדער קינדער פון פריינד, און געבליבן געטריי און איבערגעגעבן צו זיי. זייערע וואַנדערונגען איבער ←

---

זאָגט ר׳ לייזערל:

מיט דעם משל ווילט איר וויסן, וואָס איך מיין?
כ׳וועל דאָס אייך ניט זאָגן, ניין!
זאָל דער ביינוול שלעפּן זיך אַליין.

פאָרזעצן ווייטער וואָלט מען געדאַרפט איבערשרייבן אַלע שטיינבאַרגט משלים, ווייל יעדער משל איז שענער און קליגער פונעם אַנדערן. וועל איך עס נישט טאָן. לייענט אַליין, ליבע פריינד, און קוויקט זיך!

אברהם טרייבער

לענדער און קאָנטינענטן האָבן זיי גייסטיק באַרייכערט. רחל האָט איר גאַנץ לעבן געאַרבעט און דערביי שטענדיק געפונען צייט פאַר געזעלשאַפלעכער טעטיקייט.

האָט זיך דאָס לעבן אָפּגעשטעלט! און רחל איז פון אונדז אַוועק, איבערגעלאָזט די פאַרומערטע משפחה, איר איינציקן זון און איבערגעגעבענעם יידישן קולטור־טוער, פראָפ הערשל סלוצקי, זיין פרוי, קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקל, פריינד, חברים "אַדאָפּטירטע" משפחה. איז אַרעמער געוואָרן אונדזער אַרום!

צו אַלע נאָענטע און טייערע - ווערטער פון וואַרעמקייט און ליבשאַפט.

ל-ע

---

צוזאַמען מיט דער יידיש־וועלט

טרויערן מיר אויפן טויט פון

## ד"ר מרדכי שעכטער

דעם באַוווסטן לינגוויסט, שומר פון

מאַמע־לשון, געוו. לאַנגיאָריקער

רעדאַקטאָר פון זשורנאַל "אויפן שוועל",

מחבר פון אַ צאָל וויסנשאַפטלעכע ווערק,

לערער און דערציער פון עטלעכע דורות "יידישיסטן".

**רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע**
**פון "חשבון"**

---

אַבאָנירט און שטיצט

**חשבון**

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע